STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01625

AVRAHAMELE DE-ROYFE

Abraham Klein

Permanent preservation of this book was made possible
by Mildred & Louis Sklar
in honor of Phyllis Martha Finkelstein Hacker

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהמעלע דע - רופא

אברהם קליין

לעב

און

לאך

אין

ישראל

1972 תשל״ב

AVREMELE DE-ROJFE

LEB UN LAH IN ISRAEL

LIVE AND LAUGH IN ISRAEL

Copyright by

Dr. ABRAHAM KLEIN

Petah-Tikva

23 Even-Sapir

הקדמה פון פראָפעסאר דב סדן

דאס בוך דערשיינט מיט הילף פון פריינט און בפרט
פון רודי קיזלער, ניו־יארק

איבערזעצן, דראמאטיזירן, פילמעווען נאר מיט דער
דערלויבעניש פון מחבר

אברהם קליין

ה י מ ו ר ס ק י ת



פראפעסאר דב סדן
א ייד פון פאקוטיע

א.

איידער איך הייב אן מיין שמועס וועגן ד״ר אברהם קליין וועל איך, ברשות הלייענער, דערמאנען אונדזערע ביידנס באגעגענישן און בעיקר צוויי פון זיי — איינע דא, אין ירושלים און איינע דארט אין קאלאמיי, — כדי צו באמערקן, אז ווען איך האב מיך דא אין אוונטלעכן שאטן אריינגעקוקט אין זיין ברייטלעכער סטאטור, אין זיין רונדן פנים, איז מיר אין דעם האביטוס פון א קינדער־דאקטאר, וואס פארשטעלט זיין אקאדעמישן סטאטוס אונטער א היימישן פסעוודאנים: **אברהמעלע דע־רופא,** שווער אנגעקומען צו דערקענען יענץ רירעוודיקע אכצן אדער נײַנצן יאריקע ייִנגל, וואס האט אנגעפירט מיטן קאלאמייער נעסט פון „השומר הצעיר״ אין זשומענדיקן לאקאל פון „בית ישראל״, וו איך פלעג אפטרעטן א יעדן זונטיק, ווען איך פלעג קומען איינקויפן פראדוקטן פאר דער הכשרה־גרופע אין דארף גאדיטורקא ,אין יענער סביבה. אבער ווי ווייט די ביידע פיזיאגנאמיעס זאלן מיר נישט געווען פיר־קומען, האט דער ירושלימער שמועס סיי לויטן ענין סיי לויטן טאן, איז געפירט זיך וועגן ליטעראטור און אבער־אמאל ליטעראטור און בעיקר יידישע ליטעראטור און דער־זעלבער באַצי צו איר — פון אן אייביק געטרייען און פארליבטן.

אין פלוג קאן זיך דאכטן, אז אן אנפירער פון א „שומר הצעיר" — נעסט איז נישט דער ביליכסטער קאנדידאט פאר אזא געטריישאפט און ליבשאפט, אבער דאס איז א טעות, וואס איך האב שוין געהאט א שעת־כושר צו פארריכטן אין מיין אריינפיר צו שמואל זיינוול פפעס א ווערטיקן בוך, וואס דער אויסגעצייכנטער פאלקלאריסט פראפעסאר דב נוי, אויך א קאלאמייער, לאזט ארויס די טעג פון אונטער דער פרעס. דער טעות האט זיך גענומען פון אן אבסערוואציע אין די גרויסע שטעט, וווּ היפשע כאפטעס חברים פון „השומר הצעיר" זענען שוין געווען אויפגע־כאוועט פויליש און האבן זיך, לויט זייער אויפגאב, משתדל געווען צו דערווערבן העברעיש; אבער דאס איז נישט חל געווען אויף דער פראווינץ, דא האט מען האלד געהאט ביידע שפראכן אונדזער, גערעדט און געזונגען אין זיי און געלייענט ביידע ליטעראטורן. אזוי איז אנגעגאנגען אין די שטעט און שטעטלעך אין מזרח־גאליציע, לא כל שכן אין אזא שטאט, ווי עס איז געווען קאלאמיי, אפשר די יידישסטע שטאט אין יענע קאנטן.

ב.

אברהם קליין איז געבוירן אין זאבלאטיוו, אבער פון קינדווייז אן געכאוועט זיך אין קאלאמיי, די הויפשטאט פון פאָקוטיע. דא איז געשטאנען דאס וויגל פון חסידות; דא האבן זיך שפעטער באוויזן די שפראצן פון נאציאנאלן אויפוועק; דא האט דער רב ר' הלל ל"ש (ליכטנשטיין) געשריבן זיינע מוסר ספרים אויף יידיש; דא האט הערש לייב סיגעטער באגרינדט די ערשטע יידישע צייטונג אין גאליציע; דא איז א צייט געווען א צענטר פון פאליטישן

ציוניזם, וואָס האָט אפילו קאָנקורירט מיטן לעמבעריקן צענטר; דאָ האָט שפּעטער געהערשט יענע סימפּאַטישע אַטמאָספער פאַר דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, וואָס האָט אויך געהאַט אַ שטיקל השפעה אויף איר פּאָזיציוןגאַנג, אָפּהאַלטנדיק זיך פון אַן אַנטי־היסטאָרישער אַוואַנטורע.

אַוודאי איז אַ גרויסער טייל פון דעם אַלעמען פאַרן יינגערן דור, צו וועלכן אַברהם קליין האָט געהערט, געווען געשיכטע, אָבער עס איז געווען לעבעדיקע געשיכטע, וואָס אירע וואָרצלען זענען פאַרגראָבן, אָבער זייער פּעולה גייט פאַרבאַהאַלטענערהייט ווייטער.

ג.

אַוודאי האָט ער, אַברהם קליין, שוין געהערט צו יענער שיכט, ווו די טאַטעס היטן נאָך דעם פאַרבונד פון חסידישן אָפּשטאַם און שטייגער, אָבער די קינדער זייערע שיקן זיי נישט בלויז אין חדר נאָר אויך אין שול אַריין.

אָבער קוים ניין יאָר אַלט, הויבט זיך אָן פאַר דעם קליינעם אַברמעלע אַ נעוונדעוונען: דער אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט — מלחמה טרייבט די משפחה זיינע אַמערשט קיין מאַרמאַראָש־סיגעט און שפּעטער אין אַ סודעטיש שטעטל, ווו עס הויבט זיך אָן אַן אַנדערע פּרשה חינוך — אַ גוייש־דייטשישע שול. אַ דריטע פּרשה חינוך הייבט זיך אָן, ווען די פּליטים — משפחה קערט זיך אום צוריק קיין קאָלאָמיי, וואָס גייט אַריבער אויף אַ קורצער צייט אין רשות פון אַ מעריבדיקער אוקראַינישער רעפּובליק. דעמאָלט שאַפט זיך אַ יידישע שול. אָבער מיט דער ליקווידאַציע פון דער דאָזיקער רעפּובליק הייבט זיך אָן אַ פּערטע

פרשה חינוך — די פוילישע שול, וואס עס טראגט זיך פון איר, אין איר און ארום איר דער אומגייסט פון שנאת ישראל. נאכדעם די פאליאקן האבן, מחמת רשעות סתם, דערהרגעט דריי סטודענטן, חברים פון „השומר הצעיר", וואס האבן געארבעט אין דער נאענטער יידישער אגראר — שול אין סלאבודקא — לעסנא, הויבט זיך אן א פינפטע פרשה חינוך: כמעט אלע יידישע תלמידים פון דער פויליש־ער גימנאזיע גייען אסטענטאטיוו אריבער אין דער אוקראי־נישער גימנאזיע. אין מיין שטאט, בראד, האט די פלוגה פון „שומר הצעיר", וועלכע איך האב אנגעפירט, געהייסן אויפן נאמען פון יוסף באל, איינער פון די אכזריותדיק געהרגעטע שומרים פון קאלאמיי. דער סטאניסלאווער יוסף וונדערמאן, מער באקאנט מיט זיין ליטעראַרישן נאמען גבריאל טאלפיר, האט אין ווארשע ארויסגעגעבן זיין ערשט עקספרעסיאניסטיש לידער־בוך „לגיון" האט ער דארט ארויסגעשריגן דעם ווייטיק איבער דער דאזיקער הריגה: „סלובודקה, סלובודקה, עד לב השמים."

ד.

געוויינטלעך איז א יידיש קינד אין אונדזערע קאנטן געווען א מין פאליגלאטיקער: לשון־קודש, יידיש, דייטשיש, פויליש, אוקראיניש און דאס איז געקומען נישט אזוי פון ספרים און ביכלעך, וו פון לעבן. אבער דער חידוש, אז די יידישע לערנענדיקע יוגנט האט אונטער דער הערשאפט פון פוילן, געלערנט אין אן אוקראינישער גימנאזיע, פארדינט א באזונדערן אויפמערק. דאס האט פארהאלפן צו א באזונ־דערן טראגישן ראמאן אין מזרח־גאליציע און אין וואלין. וועגן וואלינער נוסח האב איך זיך אביסל מער אפגעשטעלט

אין מיין ארייננפיר צו קהת קליגערס לידער־אפקלויב. אין מזרח־גאליצשן נוסח האט זיך דער ראמאן אנגעהויבן נאך פאר דער ערשטער מלחמה אין די פרוון פון בשותפתדיקער טאקטיק ביי וואלן, שפעטער אין דער קאלאבאראציע מיט דער מערב־אוקראינישער רעפובליק. אינצווישן איז געווען די שחיטה אין פראסקוראוו און אין אנדערע קהלות אונטער דער ממשלה פון דעם סאציאליסט, דעם אטאמאן פעטלורא. אין די באדינגונגען האט זיך די פאראדאקסיע פון אוקראינאפיליע מצד קרייזן פון יידישע אינטעליגענטן געהאלטן סיי בכוח נאציאנאלן אויפברויז: די שנאה צום בשותפותדיקן שונא, דעם הערשנדיקן עקאנאמישן און פאליטישן פויל, דעם ליאך ;! סיי בכוח סאציאלן אויפברויז: דער פראטעסט קעגן דעם עלנט פון יידישן שטעטל און אוק־ראינישן דארף און דער גלויבן אין דער ישועה פון דעם פינפשפיציקן שטערן. ווי באוווסט האט זיך די אוקרא־ינאפיליע טראגיש אויסגעוועפט.

ה.

אין דער יידישער ליטעראטור האט די אוקראינאפיליע געשפייזט זיך פון צוויי עלעמענטן: דעם רעוואלוציאנערן (קלמן ליס, ברוך אל)צקי) און דעם ראמאנטישן (בער הארוויץ). אבער שוין פריער האט דער קאלאמייער אנזעלם קליינמאן איניצירט גרויסע איבערזעץ־אויפטוען. נישט געקוקט דערויף איז אברהם קליינס ביכעלע „מיין אוקשאינישער אלבאם״, ארויסגעגעבן אין יאר 1937, אונטער דער פוילישער ממשלה א שטיק חדוש. דאס ביכעלע איז היינט א ביבליאגראפישער ראב און אין אים געפונט זיך א טייל פון דעם אלט־סלאווישן עפאס „א ווארט וועגן איגארס חיל״, וואס איז ליידער פארלוירן געווארן ביי א ווארשעווער רעדאקטאר.

ו.

פון פאך איז אברהם קליין א קינדער־דאקטאר. געוואלט שטודירן אין לעמבעריק. האט די קאמיסיע געשטעלט מעשה חוזק אזוינע קשיות: וואספארא נומער שיך, קראגן טראגט איר. איז ער אוועק קיין פראג.

דערנאך צוריק קיין פוילן. אין ווארשע נאסטריפיצירט ער און ארבעט אין קינדער־קליניק. ער לאזט נישט ארויס פון זיינע הענט די פען. איצק מאנגער, מיט וועלכן סהאט זיך פארבונדן א פריינדשאפט כל ימיו, פארבינדט אים מיט דער „פאלקסצייטונג", וו ער דרוקט זיינע מעדיצינישע פאליעטאָנען. דעם סארט ארטיקלען דרוקט ער אויך אין ד"ר צמך שאבאדס „פאלקסגעזונט", און נאך דער מלחמה אין ד"ר קורלאנדס „פאלקסגעזונט" (פאריז), אין „אית־נים", אין „קטיף". אטייל פון די פעליעטאנען איז גרייט צום דרוק אין יידיש און אין עברית. אין דעם בוך „לעב און לאך אין ישראל", וואס דערשיינט איצט, זענען פאראן הומארעסקן פון מעדיצינישן לעבן און דערציילונגען פון אמאל און היינט. וועגן קאלאמיי האט ער א באזונדער בוך „קאלאמיי א וויגעשריי און קאלאמיי האט ריטם". וועגן דער שטאט האבן שוין געשריבן: ד"ר שלומה ביקל, א. י. בראווער, מאיר העניש, נפתלי גראס, דב נוי, איציק מאנגער.

היינט איז אברהם קליין אין ישראל נאך א לאנגע צווייטע סעריע פון נעונד און דא איז ער א ברכה פאר הונדערטער קינדער און פארגעסט נישט דעם זאג פון ד"ר שלומה ביקל, אז נאך שלום־עליכם, זענען נאך געבליבן נישט געמאלענע וואריאנטן פון פארשידענע ספעציפישע טיפן און סיטואציעס.

ירושלים, טבת תשל"ב.

☆ ☆
☆

א. נאר איין שאלה

1. נאר איין שאלה 9
2. דער שומר־הברית אדער רק עברית . . . 11
3. א טיר אן א שליסל 13
4. מאזלען 15
5. איינרייבעכץ 18
6. דער וואָרם 20
7. א מיליאן בלוט 22
8. א דירה 25
9. מיר איז שוין נמאס 28
10. דער נייער דאקטאר 30
11. די שאפע איז שולדיק 33
12. א רעטעניש 40
13. הער חבר אדער אפי קוימען 42
14. רעדן וויל איך 47
15. פיגורן 50
16. דאס צוקערל 52
17. ער איז א חשובער מענטש 55

נאר איין שאלה

א יונגערמאן איז געבליבן שטיין אין דער טיר.

— איך האב געוואלט אייך נאר עפעס פרעגן...

— ביטע, קומט אריין, זעצט אייך, פרעגט.

— אין דבר! איך וויל אייך נאר פרעגן צי 7200 גראם איז א גוטע וואג, צי ניין? מיין פרוי האט געבוירן א יונגעלע. א שכנהטע האט מיך געשיקט צו אייך.

— קומט אייך דאך א מזל-טוב!

— אין דבר! איר קענט ניט מיך און ניט מיין פרוי, אבער די שכנהטע קען אייך און האט מיר געהייסן אריינגיין צו אייך...

— וואסזשע איז מיטן קינד?

— דאס קינד איז זייער א גוט קינד. כהאב אין זינען געהאט מיטצונעמען דאס בילד. רגע! אפשר האב איך עס יא ביי מיר? א שאד! כהאב געוואלט אייך ווייזן דאס בילד פון אונדזער קינד. מיינע זאגט מען מעג פארבינען די הענט און איך זאג, אז נישט. מיט מיין פרוי קריג איך זיך צוליב דעם ארום. וואס זאגט איר?

— איך מוז זען...

— די פרוי?

— ניין, דאס קינד מוז איך זען.

— דאס זאג איך דאך אייך: דאס קינד איז א גוט קינד. כהאב נאר פארגעסן מיטצונעמען זיין בילד. וואלט איר עס געזען, וואלט איר נתפעל-געווארן. סשלאפט נאר נישט ביי-נאכט. יא! דאס האב איך געדארפט אייך טאקע פרעגן: פארוואס שלאפט עס נישט ביינאכט?

— איר וועט אריינקומען, וועל איך אנקוקן דאס קינד און אייך פארענטפערן אלע שאלות.

— אריינקומען מיט דער פרוי?

— יא! מיט דער פרוי און קינד.

— וואס דארפט איר דאס קינד? דאס קינד איז דאך א גוט קינד. איך וויל נאר, אז די פרוי זאל הערן, וואס איר זאגט. זי האלט זיך ביי אירן, אז מען מעג צובינדן די הענטלעך און איך האלט, אז נישט. פון וואס האלט איר? איך וועל אייך זאגן דעם אמת: דאס קינד האבן שוין געזען צוויי דאקטוירים. איינער פון זיי זאגט, אז מען מעג צובינדן און דער צווייטער זאגט. אז נישט. וויל מיין פרוי הערן די מיינונג פון נאך א דאקטאר. וואס זאגט איר? ווען, זאגט איר, זאל איך אריינ-קומען מיט דער פרוי? ווייל דאס קינד איז א גוט קינד. בייטאג וויל עס נישט עסן און ביינאכט נישט שלאפן. איז וואס זאל איך זאגן מיין פרוי? יא צובינדן, צי נישט צובינדן? אין דער גאנצער צייט בין איך געשטאנען צוגעבונדן צו דער טיר. פליצלינג איז מען געקומען מיט א טעקסי מיך נעמען צו א קראנקען. דער יונגערמאן האט מיך באגלייט און נאך אין אויטא אריינגעשריגן: וואס זאגט איר? יא צובינדען, צי נישט צובינדן?

דער שומר הברית אדער רק עברית

נישטא נאך אזא לאנד, ווי ביי אונדז, וואס גיט דעם ניי־געקומענעם כמעט אלץ אומזיסט. אפילו דעם אולפן צום אויסלערנען עברית עקספרעס, גיט מען אויך אומזיסט.

ד״ר סערדזיא לאנגקאסטן איז געקומען פארטרעטן א קראנקען דאקטאר. האב איך פארשטאנען, אז ער איז אן עולה־חדש און געפרעגט אים, אין וואספארא שפראך איז אים באקוועם צו רעדן. האט ער שטייף און זיכער געענטפערט מיט א גארגל־שטים:

— רק עברית!

האב איך דעליקאט א פרעג־געטון: און יידיש? רעדט איר נישט?

— ניין! מיין טאטע איז געווען א ציוניסט און אויסער דער לאנד־שפראך, האט מען מיך געלערנט אביסל העברעיש.

האב איך אים אריינגעפירט אין דעם פארדומפענעם צימער, ווו אפילו דער האנט־בעקן איז געווען פארלייגט מיט פאפירן, וואס זענען שוין געל געווארן פון די קרענק, וואס זענען אויף זיי פארשריבן. יא מענטש, נישט מענטש; יא קראנקער, נישט קראנקער, העיקר: יעדעס שטיקל פאפיר איז געלט און ברענגט אזוי ליגנדיק פרנסה ברווח.

ד״ר סערדזיא לאנגקאסטן האט א קרום־געטון מיט זיין לאנגער נאז און אוועקזעצנדיק זיך, אויסגעצויגן זיינע דארע פיס אויפן טיש און גענומען זיך צו די קראנקע.

נאכדעם, ווי ער איז אפגעזעסן זיין צייט אין פארדום־

פענעם צימער איז ער אריינגעקומען צו מיר און געפרעגט מיך:

— יש לך ביקור-בית? צי האסטו א הויז-וויזיט?

— יא — האב איך אים געזאגט — צו א ברית-מילה.

— די דאזיקע משפחה קען איך נישט — האט ער שטייף און זיכער א זאג-געטון און איז אוועק.

בין איך געפארן צו דעם ניי-געבוירענעם, כדי צו זען, אויב אלץ איז ביי אים בסדר ערב דעם ברית. בשעת דער אונטערזוכונג האב איך געוואלט נאך פרייליכער מאכן די פאמיליען-שמחה און דערציילט מיט א פולן מויל דעם קורצן דיאלאג מיטן דאקטאר. האט די גוטע מאמע נישט פאר-שטאנען און געזאגט:

— ער איז דאך א נייער, קען ער נאך נישט די משפחות.

לויטן אנגענומענעם מינהג ברענגט דער פאטער א טאג נאכן ברית א פלאש משקה מיט פארבייסנס אין דער אמבולא-טאריע פאר דעם גאנצן פערסאנאל און בעת דער הפסקה פאר טיי טרינקט מען לחיים און מען ווינטשט דעם פאטער, אז זיין זון זאל וואקסן א גיבור און דערפאר וועט ער ווערן א שליח-ציבור, לאז זיין כאטש א מיניסטער. ביי דער געלעגנ-הייט האב איך דערציילט דעם ערשטן און צווייטן אקט ארום דעם ברית. אלע האבן הארציק געלאכט, נאר ד״ר סערדזיא לאנגקאסטן האט טרינקענדיק זיין כוסה א פרעג געגעבן מיט זיין גארגל-שטים שטייף און זיכער:

— אצינד פארשטיי איך נישט: וואס איז דאס געווען, א יונגל צי א מיידל?

א טיר אָן א שליסל

ווען גיורא׳ס מאמע פילט זיך נישט מיט אלעמען, שליסט זי אויף מיט א וויטריכל דאס שלעסעלע פונם טעלעפאָן און טעלעפאָנירט אין קופּת־חולים, אז גיורא איז קראנק און זי וויל א ביקור־בית פונם קינדער־דאָקטאָר.

זי פילט זיך אזוי נישט גוט כמעט יעדן טאָג. נאָר מען מוז דאָך האָבן, זאָגט זי, אביסעלע מצפון אויך. דעפאר רופט זי נישט יעדן טאָג דעם דאָקטאָר. אבער צוויי־דריי מאָל אין וואָך קומט איר דאָך א ביקור־בית. ווייל איר מאן, דער פאבריקאנט, אפילו ער וויל זי שוין א פאָר יאָר נישט קענען, צאָלט אבער פאר איר און פאר זיך קופּת־חולים יעדן חודש.

דער מזכיר קומט מיך רופן צום טעלעפאָן מיט א שמייכל.

— אנו ראָט, ווער ס׳וויל מיט אייך רעדן?

רעכן איך אויס מיין גאנצע משפּחה, מיינע אלע פריינט, די מחלקת־הסברה און א טוץ אינסטיטוציעס.

שמייכלט דער מזכיר:

— נישט געטראָפן! עס איז גיוראס מוטער, וואָס זי רופט אייך.

נעם איך דאָס טרייבל און הער:

— איר קענט דאָך גיוראן? ער איז שוין ווידער נישט געזונט דעם אמת געזאָגט: פיל איך זיך היינט מער קראנק פון אים. איר הערט? מיין מאנערו וויל מיך שוין בכלל איזאָלירן פון אלע. אפילו פון אייך. ער האָט אויפגעהאנגען א שלעסל אויפן טעלעפאָן, אבער איך קען מיר אָן עצה געבן. ווען וועט איר קומען צו גיורן?

פארשרייבט דער מזכיר דעם אדרעס, טעלעפאנירט צום „מקדים", גיט פארן נהג א צו־תנועה און איך פאר.

אנגעקומען צום הויז נומער 13, גיב איך א קלינג. נאך עטלעכע מינוטווארטן, הער איך א קול:

— דאס זענט איר, דאקטאר? איר זעט, ס'ארא קינד דאס איז? ער האט פארשלאסן די טיר און לויפט ערגעץ ארום מיט די קינדער אין גאס. אפשר כאפט איר אים דארט ערגעץ מיטן שליסל? מיין מאן האט איר נישט געטראפן? וואס? איר מיינט, אז ער וועט צוריקקומען? אוודאי וועט ער צוריקקומען. א ברירה וועט ער האבן? ווי וועט ער נאך געפונען אזא פרוי, ווי איך? וואס? איך בין א שלעכטע מאמע? איר זעט דאך: וואס עפעס רוף איך אייך דאך!

האב איך איר געזאגט עטלעכע קאמפלימענטן דורכן שליסל־לעכל און נישט געהאט די זכיה צו זען די גוטע מאמע אונטער דער טיר אן דעם שליסל.

מאזלען

מילא, סטרעפט זיך: דער דאקטאר האט געטראפן. נאך פיר טעג זענען ארוים די מאזלען. איך האלט נישט בדרך־כלל פון רפואות און מאך זיך נישט טריפה מיט אבי־וואס. איך בין א מאמע נישט פון היינט און אז מיין קוזען ארבעט אין שפיטאל, פארשטייט איך אויך אביסל ווי איין און ווי אוים.

אזוי ווי מיין סאברע האט באקומען מאזלען, האב איך פארמאכט טיר און פענצטער, אראפגעלאזט די תריסים, אנגעצינדען דעם אזבעסט־אויוון, צוגעלייגט אים צום הערצעלע א רויט שטיקל לייוונט, אויסגעבעט אים מיט קישנס אין די רויטע איינשיטן און אים גוט איינגעדעקט מיטן איבערבעט, וואס איך האב נאך פון מיין מאמע ע״ה. האט דער סאברע מיינער גענומען שוויצן. א וואונדער וואס ער שוויצט? איך אין תמוז און אן מאזלען, שוויץ איך דען נישט? פון רפואות, ווי איר ווייסט, האלט איך נישט. אבער אויסשוויצן מאכט גוט. די מאזלען קומען שנעלער ארוים און העיקר: מען טאר נישט די מאזלען פארקילן.

וואס טוט מען אבער, אז עסן עסט ער נישט און טרינקען וויל ער נישט? און אז מען עסט נישט א טאג, איז עס דען צוליב מיצווה וועגן? סאיז סתם געזונט צו פאסטן, ווען מען האט וואס צו עסן. למשל יום־כיפור: רייניקט מען זיך פון זינד און איינוועגס אויך אביסל די קישקעס פון פאסקודסטווע. גוט! אבער מיין סאברע רייניקט שוין עטלעכע טעג נישט!

לויף איך צום דאקטאר אים איבערפרעגן. ווייל מאזלען איז מאזלען און פון רפואות האלט איך נישט.

— זאגט מיר, ליבער דאקטאר, א קאנע קאן מען מאכן ביי מאזלען?

שטעלט ער ארויס א פאר גרויסע אויגן און ענטפערט מיר מיט א שאלה: פארוואס נישט?

גיי לערן אים א פרשה מעדיצין! כלעבן! סוואלט אים גארנישט געשאדט. מע זאגט, אז סאיז געשען ביי אים א גניבה. וואס מען האט ביי אים געגנבעט, פרעגט איר? זיין ביסל שכל. זאג איך צו אים:

— מען טאר דען נעצן מאזלען? און אז סוועט חלילה אריין אביסל לופט מיטן וואסער, וועט עס נישט שאדטן?

לאכט ער. לאז ער זיך אויסלאכן איינמאל צו דער זעט. סאיז דאך אויף אים א צער־בעלי־חיים. אלע לאכן פון אים און ער טאר נישט?

אין א פאר טעג ארום האט מיין סאברע אנגעהויבן צו קרעכצן. האב איך פארשטאנען, אז סדערנענטערט זיך דער קריזיס. ביי יעדן קריזיס קרעכצט מען. פרעג איך אים, א מאמעס א הארץ, וואס סטוט אים וויי. זאגט ער, אז ער וויל שוין עטלעכע טעג משתין־זיין און קאן נישט.

פון מעדיצין, ווי איר ווייסט, האלט איך נישט. אבער אריינגיין צום דאקטאר איבערפרעגן, קאן מען אפילו אן א תור און דעם וואַרטעכץ.

— זאגט מיר, ליבער דאקטאר, וואס טוט מען? מיין בחור קאן נישט אפגעבן די שתנה? ענטפערט ער מיר מיט א וויץ:

— מאכט אים א באד!

בדרך־כלל באלײדיק איך זיך נישט אזוי שנעל. אבער אז מיין קינד איז געפערלעך קראנק, קומט אים זיך אויס נאך צו וויצלען? האב איך זיך נישט געקענט מער איינהאלטן און אים אריינגעזאגט איינמאל פאר אלעמאל:

— איר וועט מיר מוחל זיין, חבר דאקטאר! אבער היילן

מאזלען וועט איר דארפן קומען לערנען זיך ביי מיר און נישט איך ביי אייך. מזעט דאך בפירוש, אז פון אייער גאנצער מעדיצין האט זיך אויסגעלאזט א באד!

א י י נ ר י י ב ע כ ץ

ער: וואס איז מיטן קינד?

זיי: דערויף זענט איר, דאכט זיך מיר, א דאקטאר, אז איר זאלט וויסן...

ער: טוט עס אוים!

זי: מען דארף נישט. קוקט אן די הענטלעך און פיסלעך, וועט איר עפעס זען.

ער: געזען.

זי: וואס איז דאס?

ער: אלערגיע.

זי: נכון! פון וואס קומט עס?

ער: פון עסן.

זי: נכון! פון וואסער עסן?

ער: פון איבעריק עסן.

זי: לא נכון! נישט געטראפן. דאס קינד עסט בכלל נישט.

ער: פון וואסזשע לעבט עס?

זי: דאס פרעג איך אייך טאקע? דא זעט מען, ווי אלץ גייט פארוים און אייער מעדיצין הינקט אונטער. אפילו צו א קאטאר האט איר נאך גארנישט אויסגעטראכט. נישט אייערע טראפן, נישט אייער זאלב העלפן. אז מע רעדט שוין וועגן זאלב (זי מאכט אויף איר מאדערנעם, גרויסן האנט-טאש און ציט ארוים א טובע) פארשרייבט מיר די זאלב!

ער: די זאלב איז שעדלעך צו דער אלערגיע.

זי: די זאלב באנוץ איך צום פנים.

ער: פאר אייך פאשרייב איך נישט קיין רפואות, נאר פארן קינד.

זי: (נעמט ארויס א רעצעפט) שרייבטזשע מיר איבער דאס איינרייבעכץ פאר מיר.

ער: אזא יונגע פרוי און אן איינרייבעכץ?

זי: וואס מישט איר זיך אריין אין מיינע אינטימע געשעפטן? איך צאל פאר אייך און איך פארלאנג שירות.

ער: איר ווילט אבער „ספיישל" און נישט „שירות"... דארטן ווארטן נאך אסך קראנקע...

זי: וואס איז די איילעניש? וואס ווערט איר אזוי שנעל נערוועז? ווי לאנג זענט איר אין לאנד?

ער: 3 חדשים.

זי: פון וואנעט קענט איר אזוי גוט עברית?

ער: איך בין געווען אין גלות א יושב־ראש, א טוער...

זי: זיכער אויך א דירעקטאר? מיר קענען די לידלעך! ביי אונז צאלט מען נישט פאר געוועזענעם...

ער: איך מאן אייך גארנישט.

זי: אבער איך מאן ביי אייך: פארשרייבט מיר די טאבלעטן צום קאפ.

ער: דאס געהער נישט צו מיר...

זי: דאס וועלן מיר נאך זען. ווי לאנג, זאגט איר, זענט איר אין לאנד?

ער: 3 חדשים.

זי: (גייענדיק צו דער טיר) איר וועט זיין נאך אביסל ביי אונז, וועט איר שוין טון, וואס איך וועל וועלן און נישט וואס אייך וועט געפעלן!

דער וואָרם

קוקט אַריין, דאָקטאָר, אין כּרטים וועט איר זען אויף וואָס מיין שפּראַהלע ליידט. זי האָט אַ „גאַסטראָנאַמיטיס", האָט זי. זייט זי לעבט, עסט זי גאָרנישט. די דאָקטאָרשע שטאָפּט זי מיט מינטאַמין, איז איר אויסגעוואַקסן אַ וואָרם אין בויך. וואָס טוט מען מיטן וואָרם? איינמאָל באַווייזט ער זיך אין די בדיקות, איינמאָל באַהאַלט ער זיך. איך וואָלט אים אויך אַמאָל געוואָלט זען. ווי זעט ער אויס? איך אַליין בין „פּער־סאָנאַל". איך קום איבעראַל אַריין אָן אַ תּור. פאַרן קינדלען האָב איך געאַרבעט אין שפּיטאָל. און בכלל איז אין מיין משפּחה דאָ אַסך דאָקטוירים. צוויי שוואָגערס האָב איך, זענען זיי ביידע דאָקטוירים. איך ווייס, אַז אַזאַ וואָרם קאָן האָבן אַ 12 מעטער די לענג. ער קאָן נאָך אַריין אין קאָפּ און קוואַקען דאָרט, ווי אַ זשאַבע. אוי, מיין קאָפּ! ער וויל מיר צעלעצט ווערן. דאָס בלוט זידט אין מיר. איך האָב שוין נישט קיין כּוח! ביי מיינער אַ קרובה האָט מען אויפגעשניטן דעם קאָפּ און אַרויסגענומען אַ זשאַבע, נישט דאָ געדאַכט. האָב איך געזאָגט דער דאָקטאָרשע: איר פּאַשעט מיין קליינע נאָר מיט סירופּ; וואָס טוט איר גאָרנישט קעגן דעם שרעקלעכן וואָרם? איך האָב איר געמאַכט אַ גרויסן סקאַנדאַל. ווייל צאָלן צאָלט מען, פרעגט זיך נאָר: פאַרוואָס? כּדי דער וואָרם זאָל זיך האָדעווען און גרעסער ווערן און אַריין אין קאָפּ? כ'האָב איר נישט איינמאָל געזאָגט: שיקט מיין קינד צום כירורג, אפשר וועט ער אויפמאַכן און אַרויסנעמען דעם וואָרם. בעסער אויפצומאַכן דעם בויך, ווי דעם קאָפּ.

וואס שווייגט איר? איר מיינט, אז איר זענט ביי מיר א גרעסערער מיוחס, ווי די דאקטארשע? וואס טוט איר גאר־נישט מיטן ווארם? כמעט נאר צוליב אייך האב איך געביטן דעם שיכון, בתייך. כ'בין אוועק פון דער דאקטארשע און געקומען צו אייך. וויפל מאל וועל איך קומען צו אייך, כדי פטור צו ווערן פונם ווארם? וואס? איר קענט נישט טרייבן קיין ווערם? זאגט־זשעט אזוי! אויב אזוי וועט איר נישט קענען אויך מיך אזוי לייכט ארויסטרייבן. איר ווילט פון מיר פטור ווערן? נישט אזוי לייכט! איך וועל גיין צו אייער אויבערהאר! איר מוזט עס דערפילן, אז פון א ווארם ווערט מען אזוי לייכט נישט פטור.

א מיליאָן בלוט

ווי איר זעט מיך, האָב איך אַ מיליאָן בלוט און איך לעב. מיין קראַם איז זיכער נישט ווערט קיין מיליאָן און גיט אָבער, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, אַ גוטן ריווח. אָבער פון מיין בלוט ווערט נישט מערער, אפילו איך שטופּ אין דער קישקע פון שענסטן און בעסטן. איך ווער גרעבער ווי לענגער און דער מיליאָן בלייבט מיליאָן. איך מאַך יעדן חודש אַ בלוט־אַנאַליז, באַלד אַ ספירה, באַלד אַ תמונה, באַלד אַ שילינג און מיין בלוט שטייט אויף איין אָרט. וואָס, פרעגט איר, האָט מיך שוין אָפּגעקאָסט מיין בלוט? זיכער אַ קאָרגער מיליאָן.

האָב איך מיך פאַרשריבן צוליב דעם אין קופּת־חולים. אַ פּשוטער חשבון: כהאָב אויסגערעכנט, אַז דער פּראָפעסאָר מיט די רעצעפּטן קאָסטן מיך אַפ יעדן חודש אַן ערך 50 פונט, וועל איך דאָס זעלבע האָבן אין ק״ח פאַר 15 פונט און דערצו נאָך שפּיטאָל אומזיסט.

קום איך דאָס ערשטע מאָל צו מיין נייעם דאָקטאָר. שיקט ער מיך מאַכן אַ בלוט־אַנאַליז. נאָך עטלעכע טעג נעם איך שוין קיין מספּר, נאָר גיי אַריין איבערפרעגן: מכוח מיין בלוט.

זאָגט ער: בסדר.

זאָג איך אים: אַ מיליאָן בלוט איז ביי אייך בסדר?

זאָגט ער: סאיז אייך ווייניק וואָס איר זייט אַ מיליאָנערין, ווילט איר נאָך ווערן אַ מולטימיליאָנערין?

זאָג איך: ווער ספּאַרגינט מיר ניט, זאָל אַליין נישט האָבן. און אַז איר פאַרשטייט זיך ניט אויף מיין בלוט, טאָ שיקט מיך צו אַ ספּעציאַליסט.

זאגט ער: מהיכיתיתה! נאט אייך א בריוו צו א ספעציאליסט.

אין א וואך ארום קום איך צו אים מיט א בריוו, וואס איז געווען אביסל פארשטייפט פונם ווייסל פון איי. לייענט ער אים מיט איין אויג און זאגט מיר ווי מיט א שטאך: גארנישט געפונען ביי אייך.

האט ער געשיקט מיך צום אויגן־דאקטאר, צום אויערן־דאקטאר, צום פרויען־דאקטאר, צום ארטאפעד, צום ענדאקרינאלאג, צום דענטיסט און צום נייראלאג. אלע שרייבן בריוו־לעך. אלע פארקלעבן זיי, אלע קלעב איך אויף. און אלע געפונען גארנישט.

זאג איך צו אים: פאר מיין געלט קענט איר גארנישט געפונען? דערפאר צאל איך יעדן חודש? אזוינע דאקטוירים זענט איר?

זאגט ער: איך וועל אייך נאך שיקן אין שפיטאל אויף אלע בדיקות. וועלן מיר זען. דארט האט מען מיך דווקא גוט בודק געווען. איינמאל דער פראפעסאר, איינמאל זיין אסיס־טענט, יעדן טאג עטלעכע יונגע דאקטוירים. איינער א זייער סימפאטישער דאקטאר איז מיר מיט א גומי־פינגער אריין אפילו אין זייט מיר מוחל און מיך זייער גוט בודק־געווען. נאך עטלעכע טעג האט מען מיר געגעבן א פארמאכטן בריוו און געשיקט מיך צו מיין דאקטאר. לייענט ער אים מיט הארץ און זאגט מיר ווי אוים פארגעניגן: ווידער גארנישט ניט געפונען.

זאג איך אים: נאך אזויפל בדיקות קאנט איר אויך נישט געפונען דעם מיליאן, וואס מיין פריוואטער פראפעסאר האט געפונען? נישט אומזיסט זאגט מען, אז אין ק״ח ארבעטן שוסטערס און נישט דאקטוירים. וואסזשע קלערט איר צו טון מיט מיר?

זאגט ער: איך וועל אייך נאך שיקן צו א פראפעסאר קיין ירושלים.

קוים דערוואַרט זיך אויף דעם טאג, נעם איך א שפּיישל און פאר צום פראפעסאר. זעצט ער מיך אוועק און שרייבט און פרעגט. אלץ וויל ער וויסן. ער קריכט מיר אריין אין די געדערים מיט זיינע שאלות. אפילו וואס סחלומט זיך מיר ביינאכט, וויל ער וויסן. נאך א שעה מיט שאלות און פלאפלעריי האב איך געמיינט, אז ער וועט זיך נעמען צו מיין בלוט. הויבט זיך גארניט אן! פלוצלינג נעמט ער און שרייבט א בריוו צו מיין דאקטאר.

אלע בריוו מאך איך געוויינלעך אויף און גיב זיי צו לייענען מיינע קינדער. פאר דעם בריוו האב איך עפעס מורא געהאט. בין איך מיט אים געלאפן שנעל צו מיין דאקטאר.

לייענט ער אים מיט איין אויג און גיט מיר א זאג, ווי מיט א שטאך: ער שיקט אייך אין „גהה" אויף אבסערוואציע.

האב איך זיך שוין נישט געקאנט איינהאלטן און גענומען שרייען:

— כבין נייגיריק, ווער סאיז משוגע: ער צי איך? פון מיינע חלומות האט ער עס גענומען? אז וואס ס'האט זיך מיר געחלומט די נאכט און יענע נאכט, זאל פאלן אויף אלע מיינע שונאימס קעפּ. וואס זאג איך: קעפּ? ביילקס האבן זיי, נישט קעפּ. און פאר דעם דארף איך צאלן מיט מיין בלוט? אפשר איז מיר ווייניק געווען דער מיליאן בלוט פאר טייער געלט, האב איך זיך איינגעקויפט ביי אייך א שגעון פאר האלב אומזיסט. תמיד זאג איך צו מיינע קונים טאקע:

— קויפסטו ביליק, וועט עס דיך קאסטן טייער.

א דירה

מיינע אויבערשטע ציין האבן גענומען זיך הוידען ביים רעדן. און דא בין איך איינגעלאדן אויף שבת אין א „סאלאן” צו לייענען מיינע הומארעסקן. איך האב ליב צו לייענען אין א באלעבאטישער שטוב, ווו מען גיט אויסער א גלעזל וואסער, אויך עפעס צו עסן און טרינקען. ביי אונדז דווקא שטארבט מען נישט פון הונגער חלילה, אבער פון צעפיקעניש, טרויער און איינזאמקייט איז יעדער דא אסך טויטפאלן. איז ווער ס'האט שכל, לאכט פון מיינע הומארעסקען אדער פון מיר, דעם לא יצלח.

בין איך אריינגעגאנגען צו מיין דענטיסט. ער קען מיינע הומארעסקן, אבער לאכן קאן ער נישט. אמאל לאכט ער יא, אבער נאר פון מיר.

האט ער מיר אריינגערוקט א קאלטע פארציע גיפס אין מויל אריין, אוועקגעזעצט זיך אקעגן מיר און מיט א דארן פינגער גענומען צו מיר רעדן:

— איר באדארפט וווינען אין מיטן שטאט. דא וועט איר האבן פרנסה און ניט האבן קיין צייט צו אייערע שרייבערייען. איך האב שוין נישט איינמאל געזאגט צו מיין פרוי: אזא טאלאנטירטער מענטש, א געוועזענער דירעקטאר זאל דארפן אנקומען צו סנאבן, וואס פאר א ביסל געלעכטער גיבן זיי אים אפצועסן און אפצוטרינקען. איז עס טאקע נישט שיין. איר דארפט נעמען א דירה אין שטאט, וועט איר לאכן פון זיי. וואס? האב איך רעכט, צי ניין?

ענטפער איך אים מיטן גיפס אין מויל:

— א — הא —

שטורקעט ער מיך מיטן דארן פינגער אין בויך:

— האב איך רעכט, צי ניין? לעבן דער ישיבה וואלט איר געוואלט וווינען? איך האב אסך אדרעסן, ווייל איך זוך אויך. פאר מיר באדארף איך א שטילן ווינקל, כ'זאל קענען אויסשלאפן זיך. נישט אזוי? כ'האב שוין גענוג געלט, אצינד זוך איך א ביסל וויינקער שטויב און רעש. און איר. וואס דארפט איר דעם רעש און דעם שטינק?

האב איך אים געענטפערט:

— א — הא —

שטורקעט ער מיך מיטן דארן פינגער אין געמבע:

— פאר אייער דירה וועט איר אפנעמען א העלפט און די צווייטע העלפט וועט איר צוצאלן, וועט איר וווינען ווי א מענטש צווישן מענטשן. איך ווייס, אז איר האט נישט. איך וועל זען, אז יעזשיק זאל אייך העלפן. וואס? איר קענט נישט יעזשיקן? דאס איז מיין בעסטער פריינד. ער איז היינט שני למלך. ער האט א דיפלאמאטישן פאס און אזויווי ער וועט נאר צוריקקומען פון אמעריקע, וועל איך מיט אים שמועסן. ער קומט אפט צו אונדז. וואס זאגט איר? איר זענט מסכים, צי ניין?

דער גיפס אין מיין מויל איז פארשטיינט געווארן, דער קאפ מיינער איז פארשטייפט געווארן און ער האט געמונ־טערט מיך מיטן דארן פינגער אין שטערן און ווייטער גערעדט.

איך האב מיט א פארוואפענעם קאפ קוים געקאנט ארויס־קרעכצן:

— א — א —

דעמולט האט ער דערמאנט זיך אין מיין גיפס; ארייג־גערוקט מיר אלע זיינע צען דארע פינגער אין מויל און רייסנדיק שטיקער גיפס גערעדט, ווי סזאל גארנישט האבן געשען:

— דא אנטקעגן אונזער הויז נעמט מען זיך בויען א וואלקנקראצער אויפן ארט פון צריף. דארט וועט אלץ זיין מאדערן, אפילו דאס ליכט וועט פאלן נישט פון אויבן, נאר פון אונטן. דאס איז א פונקט פאר אייך. האב איך רעכט, צי ניין?

מיט ביידע זיינע פויסטן אין מיין מויל, האב איך געקענט נאר אויסאטעמען דעם ביזאיצטיקן:

— א — הא —

דערויף האט עמעץ געקלונגען ביי דער טיר. האט ער ארויסגענומען ביידע הענט פון מיין מויל און פאמעלעך געגאנגען עפענען די טיר.

— הערסט, מאיא! דער דירעקטאר איז ביי מיר. ער וועט זיין אונדזער שכן. ער האט באשטעלט א דירה אקעגן אונדז. נישט שלעכט, הא?

מאיא, זיין פרוי, איז אריינגעקומען און אפגעגעבן מיר מזל־טוב. האב איך מיט מי אנגעהויבן צוריק באנוצן זיך מיט מיינע ליפן און געענטפערט:

— א — ע — מע — וועט זען... דערווייל א שיינעם דאנק פאר דעם קאמפלימענט, פאר דעם גיפס און פאר דער דירה.

מיר איז שוין נמאס

זי איז דאסמאל געקומען מיט איר מאן. ער האט געהאט א גרויסן קוואדראט־שיידל, כמעט ווי אויף א בילד פון די קוביסטן. בייביידע האבן זיך גערוקט די אויגן מיט א פילם־שנעלקייט פון לינקס אויף רעכטס און צוריק.

זי האט אנידערגעוואָרפן איר זויגקינד, ווי ניט אירס, אויפן טיש און געוואָרפן קורצע רייד מיט רוגז, וואס האט פארסמט די לופט.

— ווי לאנג וועט עס קרענקען? סאיז מיר שוין נמאס...

ער האט סעקונדירט אין איר טאן:

— דו פארשטייסט? סאיז שוין נמאס געווארן... טו וואס דו ווילסט, אז מיר זאלן נישט דארפן קומען מער אהער... גיב שטארקע רפואות, זריקות, סזאל מער נישט קרענקען... איך וועל נישט גיין מער אין שפיטאל מיטן קינד. עטלעכע מאל שוין נאר אפגעדרייט זיך דארט אומזיסט א האלבן טאג און נאך אלעמען זאגן זיי תמיד, אז דעם קינד פעלט גארניט. האט איר נישט קיין רפואות, פארשרייבט עס פריוואט. אצינד ארבעט איך נישט... וויל איך שלאפן... כבין אראפגעפאלן פון א דאך אויפן קאפ, וויל איך שלאפן און קאן ניט. טאבלעטן אהער, טאבלעטן אהין. דאס איז אויך א היילונג?

פאלט זי אריין מיט דער ערשטער פידל:

— וואס ביסטו ארויף אויף דיין קאפ? זאל ער געזונט מאכן דאס קינד, מען זאל נישט דארפן מער קומען אהער. ווייל סאיז מיר שוין נמאס.

די קעצעלעך אויפן בילד אין גאבינעט האבן זיך פאר־

קרומט און געוואָרטשעט; דאָס גומינע יונגעלע איז אַראָפּגע־פאַלן פון דעם גומינעם פערדעלע; די הינדעלעך זענען זיך צעלאָפן מיט שרעק; דאָס מיידעלע האָט אויפגעהערט שמיי־כלען אויפן בילד.

מיין בלוט האָט גענומען דרייען זיך אין דער פאַרקערטער ריכטונג, ווייל איך האָב געשוויגן. ענדלעך האָב איך באַקומען דאָס וואָרט:

— וואָס איז געשען? וואָס האָט איר געזען אייגנטלעך ביים קינד?

ביידע האָבן אין כאָר זיך איבערגעשריגן:

— דערויף ביסטו אַ דאָקטער, אַז דו זאָלסט וויסן, צי ניין? — — — דאָס קינד שרעקט זיך, סוואָרפט זיך — איך וויל שלאָפן — — — סאיז מיר שוין נמאס — — —

דאָס קינד איז געלעגן רויק. איך האָב עס מיט אַ ציטער בודק־געווען און גאָרנישט ניט געפונען. האָב איך נישט באַקומען פון זיי ביידע קיין אינטערוואַל און געמוזט אַדורכ־שטיפן זיך מיט מיין באַריטאָן:

— איך קלער אייך צו שיקן... צו שיקן... צו אַ פּסי כיאַטער...

ביידע האָבן אין כאָר, אָבער שוין רויקער, זיך איבערגערופן:

— ווער מען מיינט איר? אונדז? צי דאָס קינד? — — — דאַרט דאַרף מען אויך אַ תור? — — — אונדז איז שוין נמאס — — — שרייבט „דחוף״!

דער נייער דאקטאר

ער האט משנה־מקום געווען, דאס מייזל האט ווייטער געגריזשעט און די טיר מאכט זיך ניט אויף ווי פריער. עלעהיי סאיז אויסגעבראכן אן עפידעמיע פון געזונט אויף אלע. נאך א שטיקל צייט האט זיך דערהערט א שטארקער סקריפ. נייע טירן סקריפן. א פרוי פרעגט זיך אויפן דאקטאר. ער איז אריינגעגאנגען נאך איר מיט געמאסטענע טריט. אויס־געפרעגט זי וועגן אלץ פון געבוין־טאג אן, פארשריבן יעדעס ווארט אירס, אויסגעהערט זי, אויסגעשלאגן מיט א העמערל דעליקאט א יעדעס ביינדעלע אירס. זי האט געשיינט, ווי איינער וואס גייט סתם אויף דער גאס און געפונט פלוצלינג אן אוצר.

פרייטיקצונאכטס האט די פרוי דערציילט פאר אירע פאקער־געסט, אז זי האט אליין ניט געוווסט, וואס סאיז איר, איז זי אריינגעפאלן אין שכנות צום נייעם דאקטאר. ער זעט אויס צו זיין א גאנץ גוטער דאקטאר: ער לאזט זיך רעדן, דערנאך האט ער אויך לאנג גערעדט מיט אסך ענגלישע ווערטער און א שיינעם קול.

— וואס זאל איך אייך זאגן? זייער אן אינטעליגענטער דאקטאר. כהאב געזען, אז ער פארשטייט אסך. איך האב אביסל פארשטאנען. און נעמען מיר אן, אז איך פארשטיי שוין אלץ, וואלט מיר דערפון שוין בעסער געווארן? נאר וואס האט מיר ניט געפעלן ביי אים? כהאב ביי אים קיין לעבנדיקן מענטש ניט געטראפן.

אלע געסט האבן לעבנדיק גענומען זיך צום דאקטאר.

איינע האט געזאגט, אז דעם וואנץ האט ער זיך זיכער פארלאזט, כדי צו מאכן א רושם. האט איינער געהייסן אים איבערגעבן, אז נאך א בריל פעלט אים. אלע האבן געלייגט זיך פון געלעכטער און דערביי איינער דעם צווייטן אריינ־געקוקט אין די קארטן. צום סוף זענען אלע מסכים געווען: ווען ס'איז נישטא ביי אים קיין תור, איז א סימן, אז ער טויג ניט. צו אזוינעם גייט מען ניט. א שאד דאס געלט.

נאך יארןווארטן פון 8 ביז 12 און פון 4 ביז 7 האט דער דאקטאר מיט זיין פרוי באשלאסן צו מאכן א תור.

ווען סאיז פלוצלינג אריינגעפאל א פרוי מיט בויכווייטיק און מיט א געוויין, איז איר אנטקעגנגעקומען דעם דאקטארס פרוי מיט א זים שמייכעלע, געהייסן איר זיך זעצן, גענומען ביי איר געלט און געגעבן איר א צעטעלע מיט א תור אויף איבערמארגען. ביז דעמולט זענען שוין אלע נומער פארנומען.

זי איז אהיימגעקומען מיט א פול מויל: סאיז ניט צוצו־קומען צום נייעם דאקטאר. אפילו צו א תור מוז מען האבן מזל. דאס איז געווען דער לעצטער נומער אויף איבערמארגן.

אין האל ביים דאקטאר איז געווען פול מענטשן. דער חמסין האט געשטיקט, זענען עטלעכע ארויסגעגאנגע און אוועקגעזעצט זיך אויף די טרעפ פונם דריטן שטאק, כדי צו כאפן אביסל לופט. די לעצטע איז טאקע געווען די פרוי מיטן בויכווייטיק. אויפן טיש ביים דאקטאר ליגט זיין גאלדן זייגערל און אויפן זייגער איז ער בודק יעדן קראנקען א האלבע שעה. ביים געזעגענען זיך האט זי צו אים א בקשה: אזויווי זי האט בויכווייטיק אפט און אזויווי זי איז דאך א שכנהטע פון אים, זאל ער זי להבא אויפנעמען אויך אן א תור. דער דאקטאר איז אביסל אין א פארלעגנהייט. אבער וואס טוט מען נישט פאר איר, דער סימפאטישער און ליידנדיקער פרוי? גיט ער אן עצה בסוד־סודות: אריינצוקומען ווען זי וויל, אבער מיט א פלעשעלע אין דער האנט. פאר די ווארטנדיקע וועט עס

הייסן, אז זי דארף אים נאר ווייזן דאס פלעשעלע מיטן אורין.

העלפט גאט און זי פילט זיך ווידער נישט מיט אלעמען. האט זי גענומען א פלעשעלע, איינגעוויקלט עם אין „מעריב" און ארויפגעגאנגען אויפדערנאכט צום דאקטאר.

אין האל ביים דאקטאר האט זי פלוצלינג באקומען א בייסונג אויפן גאנצן קערפער. פופצן מענטשן זענען געזעסן און געשטאנען און יעדער איינער פון זיי מיט א פלעשעלע אין האנט.

זי האט גענומען קראצן זיך אין די דלאניעס, ביז דאס ליידיקע פלעשעלע איז איר ארויסגעפאלן פון די הענט.

אלע פופצן קראנקע האבן מיט א הילכיקן געלעכטער געווונטשן איר מזל-טוב און זי א ברוגזע און פארלוירענע איז אוועק צו א צווייטן דאקטאר.

די שאפע איז שולדיק

.1

פונקט האב איך נישט געשלאפן. ס'איז געווען צוויי א זייגער ביינאכט. האב איך אנגעצונען דאס עלעקטרישע לעמפל, וואס הענגט איבערן בעט פון מיין שכנהטע. ווען ס'וועט דיך עפעס פארדריסן. וועסטו נישט שלאפן אפילו מיט פראדאר־מאל. האב איך גענומען דאס תהלים'ל און פארענדיקט זאגן דעם קאפיטל, וואס איך האב איבערגעריסן אין דער פרי פארן עסן גיין. גיט מיר א זאג מיין שותפטע:

די נערוון ארבעטן מיר אזוי אויך איבערן קאפ, מאכט איר ליכט און זאלצט מיר נאך צו מיינע ווונדן?

האב איך איר געענטפערט:

— וואסזשע? תהלים־זאגן טאר מען שוין אויך נישט? איר זייט דאך מיטן מנהל פון אלטן־הויז, וו צוויי פינגער, יעדן פרייטיק שיקט איר דאך אים א בלימעלע, פועלטזשע ביי אים, אז ער זאל דאס לעמפל איבערטראגן איבער מיין בעט.

איך איר איין ווארט, זי מיר צוויי. פלוצים מאכט זיך אויף די טיר און ס'פאלט אריין מרים. זי איז אמאל געווען די עוזרת ביי אונז אין געשעפט. זאגט זי א פארסאפעטע:

— שמשון, אייער גאטזעליקער מאן, איז מיר געקומען אצינד צו חלום און מיר געזאגט: לויף שוין צו העניען און זאג איר, אז נאך א ביסקענקע און זי וועט געהאלפן ווערן.

בין איך תיכף אינדערפרי אוועק מיט דעם חלום צום רבין. ביי מיר, וויפל איך גיב אים, נעמט ער. הערט ער מיך

אוים און זאגט צו מיר: כ'האב דאך אייך געזאגט, אז אייער מאן מיעט זיך פאר אייך.

זאג איך צו אים:

— הייליקער רבי! וואס האט ער געדארפט ,שמשון, נאכן טויט זיך באדינען מיט מרים'ן? האט ער נישט געקאנט קומען מיר אליין צו חלום?

ענטפערט ער מיר:

— ווי האט ער געקאנט קומען אייך צו חלום, ווען איר קאנט נישט שלאפן און איר זאגט תהילים ביינאכט? פרעג איך אים: וואסזשע טוט מען?

זאגט ער: דערויף פארשרייב איך א רעצעפט, וואס איז טייערער פון פויגל-מילך און נאר די קעניגין פון בינען און איר זענט זוכה דערצו און דער וואס אויבן וועט אייך העלפן.

גאנץ ישראל האט געקלונגען דערמיט. נאר מיטן רבינס כוח בין איך געהאלפן געווארן.

.2

דאס פייער איז געלאשן געווארן, בלאזט עס נישט אויף. דאס איז געוועזן דינסטיק. איך קום נאר ארויף אין „מושב-זקנים" האב איך אנגעהויבן צו ציטערן, ווי א פיש און געווארן ווייס, ווי קאלך. ס'איז דאך סדום! די היטלערקע האט שוין ווידער ארויסגעשטעלט די שאפע! וואס ארט זי, אז די שאפע שטייט אין שטוב? נאר, ווען איך בין אויפגערעגט, שוויג איך. דער דאקטאר האט מיר געזאגט: דו טארסט נישט קיין סך רעדן. ס'הארץ איז קראנק, זע און מאך זיך נישט ווייסנדיק. מיט וואס אבער בין איך ערגער פון פרוי כרמלי? ביי איר שטייט די שאפע א גאנץ יאר אין שטוב. האב איך גענומען שלעפן די שאפע צוריק אין שטוב אריין. דער שניידער איז אן איידעלער און פיינער מענטש. איז ער ארויסגעקומען פון זיין שכנהניתדי־קער שטוב און גענומען זיך אויך צו דער שאפע. דער ווינט האט

געוויינט פאר מיינעטוועגן. האט די שותּפטע מיינע געמאכט א געוואלד און באלד זיינען מיר, איך און דער שניידער אריין דעם רוח אין די ציין: ר׳ מרדכי, דער מנהל האט גענומען שלעפּן מיך ביי די הענט און די היטלערקע דעם שניידער ביי זיין פייערדיקער באָרד. כ׳האָב קיינמאל נישט געשווירן. איצט קאָן איך שווערן ביי ספר תורה: דאס וועט מען שרייבן אין ציימונג און צו דער העכסטער רעגירונג. ווו איז דאס געהערט געוואָרן, אז א פרומער ייד זאל שלעפּן א 74-יעריקע פרוי ביי דער האנט? זאג איך צו אים: ר׳ מרדכי, וואס ארט אייך, אז די שאפע וועט שטיין אין שטוב? איר האט נישט מורא פאר גאט, נישט פאר קיין רעגן, נישט פאר קיין ווינט? איך וויל נישט קיין שאפע פון מתים פאר דער שטוב! כ׳בין נאך נישט געשטארבן! איך לעב.

זיי האבן זיך איינגעשפּארט, ווי גויים און די שאפע איז געבליבן אויף דער מירפּסת. איך האב דערפילט, אז די גאלנ-שטיינער רירן זיך מיר פונם ארט, בין איך אריינגעגאנגען אין שטוב מיר נעמען א צעפל און גערעדט צום ריבונו-של-עולם אויפן וועג אזוי:

— איבער דעם זענען מיר תמיד אין גלות און אלע פעלקער האבן אונז פיינט. פון דעם גויישן גלות, גאטעניו, האסטו מיך שוין אויסגעלייזט. ווען וועסטו מיך אויסלעזן פון די יידישע בעלי-גלות?

.3

די היצן האבן אנגעהאלטן. די מאראנצן זענען אלט געווארן אויפן בוים. די מענטשן נאך שלעכטער, ווי תמיד. אלע רעדן נאר פונם חמסין. ס׳איז שוין נאך סוכות און די ערד ווערט אויסגע-דארט. אלע ווארטן אויף רעגן, נאר איך נישט. אין די שילן האט מען געזאגט תפילות אויף רעגן. די טאכטער פון מכולתניק ווארט אויך אויף רעגן. וואס פעלט איר אוים, דער רעגן? זי

האט באקומען פון איר בחור א מתנה א רעגנשירם, האט זי אים נאך נישט אויסגעפרוווט. איך באדארף נישט קיין רעגן, ווען די שאפע שטייט אין דרויסן. בעט איך דעם ריבונו־של־עולם און זאג אים:

— הער אויס מיך און מיין שמשון, וועמען איך האב דאך געשיקט אלס גוטן שליח צו דיר, ער זאל זיך מיען פאר מיר. לאז נישט גיסן קיין רעגן. איך וועל זיך נאך קאנען פארקילן און ווער וועט זאגן תהילים פאר דיר?

אויף מיין שלום־מזל האט א גאנצע נאכט געדונערט און גערעגנט אזוי, אז די שאפע אויף דער מירפסת׳ איז געשטאנען אין א טייך וואסער. בין איך ארוים אינדערפרי ווי איך שטיי און גיי און גענומען איבערטראגן מיינע עטלעכע קליידלעך, ציכן, העמדער און די זילבערנע לעפל. כ׳האב געבראדזעט ביז די קנעכל אין וואסער און געראטעוועט פונם מבול מיין ביסל ארעמקייט און עס אויסגעלעגט אויף מיין בעט. וואס מיר איז ארוים דערפון? איך האט אפגעשפארט א לונגען־צינדונג. ווען איך בין אויפגערעגט, שווייג איך. האב איך זיי נאר געזאגט:

— פאר מיין געלט בין איך געבליבן צווישן רויבערס און גזלנים. סאיז דאך סדום! סאיז עק וועלט. וואס האט אייך געארט, אז די שאפע שטייט אין שטוב? וואס מיינט איר, אז איך וועל אייך שווייגן? דאס וועט מען שרייבן אין צייטונג און צו דער העכסטער רעגירונג. און ווער וועט באצאלן פאר מיין לונגען־צינדונג? עמעצער מוז דאך טראגן דאס אחריות!

.4

ווי ס׳זאל נישט זיין, אביסל האבן זיי זיך דערשראקן. און ארויפגעשיקט צו מיר דעם דאקטאר. פרעג איך אים דעם דאקטאר: וואסזשע איז מיט מיינע לונגען? אפשר שיקט

איר מיך אין „תל־שומר" ? פאררעדט ער מיך : וואס ? ווילסט פארן, מע זאל דיר מאכן דארט אן אפעראציע ?

האט עס מיך געטון א ברען. כ'האב דאך דערקענט, אז ער וויל מיר נישט זאגן, אז איך האב א לונגען־צינדונג. מיר דארף מען נישט זאגן : איך האב שוין געהאט פיר מאל א לונגען־צינדונג, דערקען איך שוין אליין מיין קרענק.

דער רעגן גיסט מיט ציבערס און איך גיי מיר ארויף צו א ריכטיקן דאקטאר. פאר 5 פונט וועל איך שוין וויסן, וואס מיר איז. כ'קום אריין, שטייט ער און דאוונט. מאכט ער צו מיר שטום־לשון : נו — א ! און ווייזט מיר צוויי פינגער. מיר דארף מען קיין סך נישט זאגן : דאס הייסט, ער וועט אפדאווענען און דערנאך איבערבייסן און אין צוויי שעה ארום זאל איך אריינקומען.

ביי מיר ברענט נישט. בין איך געגאנגען אביסל צום מכולתניק, אביסל צום ירקותניק. איינגעקויפט נעבעך דאס ביסל, וואס איך דארף, ווי א פייגעלע און די צוויי שעה זענען אוועק, ווי א פעדער פון א הין.

ער האט מיך לאנג בודק געווען און געשוויגן. פרעג איך אים : וואס איז מיט מיינע לונגען ? אפשר שיקט איר מיך אין „תל־שומר" ?

זיצט ער פארהלומט און שרייבט א רעצעפט. ער וויל אויך נישט זאגן, פונקט ווי דער „מושב זקנים־דאקטאר". איין דאקטאר מיטן צווייטן איז פייער מיט וואסער, אבער זאגן ווילן זיי ביידע נישט, וואס מיר איז.

גיי איך אריין צום אפטייקער, איז ער נישטא. איך האב ליב צו קויפן ביי אים. זאגט מיר זיין פרוי, אז ער איז קראנק. א שיינע קרענק ! ער האט פארשפילט אין קארטן א גרויסע פויטיקע און אפגעשפארט א קרענק. מילא, גיב איך מיין רעצעפט און אז כ'האב דערזען די רויטע פילן און די טונקעלע טאבלעטקעלעך, האב איך תיכף דערקענט, אז איך האב א

לונגען-צינדונג. מיר דארף מען נישט קיין סך זאגן: איך האב שוין געהאט 4 מאל א לונגען-צינדונג, דערקען איך שוין אליין מיין קרענק.

.5

אזוי גיי איך ארום מיט דער לונגען-צינדונג שוין א צוויי וואכן. ר׳ מרדכי איז ברוגז, די היטלערקע איז ברוגז און דעם דאקטאר קומט אויך עפעס ארוים. דערווייל איז אין דרויסן, פונקט ווי ערב פסח. די זון ווארמט און לאכט און די שאפע שטייט ווייטער אויף דער מרפסת. שבת נאכמיטאג איז ר׳ מרדכי געקומען א קוק טון, וואס ס׳הערט זיך אין זיין מושב-זקנים. אין שבת טאר מען זיך נישט קריגן. נעם איך און פרעג אים סתם אזוי:

— ר׳ מרדכי! ווען וועט מען שוין צוריק ארייַנשטעלן די שאפע אין צימער? איך האב דאך באקומען פון דער שאפע א לונגען-צינדונג!

ענטפערט ער מיר זיס, ווי ער וואלט נאר באלעקט זיך מיטן קוגל:

— ווי האט אייך, פרוי העניע, געשמעקט דער טיול קיין ערד און די חתונה אין חיפה? אפשר האט אייך דער טיול אדער די חתונה געשאדט?

ווען ס׳וואלט נישט געווען שבת וואלט איך אים עפעס געזאגט דערויף. אויף אלץ איז ער מסוגל: אפילו א שאפע אויסבייטן אויף א חתונה.

אויפן טיול האב איך געמוזט פארן, ווייל איך האב פאר א חודש איינגעצאלט. און גיי פאר נישט אויף דער חתונה פון זהבה׳ם שוועסטערס טאכטערס זון?

קיין חיפה בין איך געפארן מיט דער באן. דאס ערשטע מאל אין ישראל מיט דער באן. סאיז נישט דער פוילישער צוג. דא הוידעט מען זיך נאר אהער און אהין. פע! ס׳איז נישט

דאס! מיט דער חתונה איז נישטא וואס מקנא צו זיין מיך. אין איין צימער גיט מען פיש, אין צוויטן פלייש און דריטן צימעס. איך בין פונקט אויסגעקומען אין צימער פון פלייש. צווײמאל אין טאג עס איך נישט קיין פלייש. מיינט איר, אז עמעצער האט זיך צעריסן דעם ספאדעק צוליב דעם? האב איך נישט געגעסן. נאך דער חופה האב איך געזען, אז די כלה בלאזט זיך. די פויק האקט אין קאפ און די כלה וויל גיין טאנצן. וואס בלאזט זיך די כלה? דער חתן רעדט מיט אלע. האב איך זיך אויפגעהויבן און צוריקגעפארן.

און דא הויבט זיך ערשט אן די אמתע מעשה מיט דער שאפע. מיין מאמע עליה השלום פלעגט זאגן: בעסער צען דאגות ווי איינע. געזונטע דאגות איז אויסצוהאלטן.

אצינד פיל איך זיך בעסער און איך ווייס ווייטער נישט, ווער איז שולדיק אין מיין לונגען-צינדונג: דער טיול, די חתו־נה צי טאקע די שאפע? אויף אלץ איז ער מסוגל, ר׳ מרדכי אפילו א שאפע אויסבייטן אויף א חתונה קען ער.

א רעטעניש

געלויבט איז דער אויבערשטער, וואס האט ליקווידירט די שוועניץ, וואס ביי אונז רופט מען זיי תור. איין תור האט ער איבערגעלאזט אלס זכר לחרבן אין קופת־חולים. זיץ איך אזוי מיט נאך עטלעכע אירע און ווארטן.

זאגט איינער, ווייל ער וויל עפעס זאגן: דווקא איז ער א גוטער דאקטאר, נאר ער האט... כאפט דער צווייטער אונטער: זיכער א צרה...

זאגט דער ערשטער: נישט געטראפן. ער האט נעבעך אין דער מלחמה פארלוירן ווייב און קינד. אצינד האט ער א...

איילט זיך א דריטער צו טרעפן: אוודאי א געליבטע. וואס פארדרייט אים דעם קאפ... זאגט דער פערטער: איך זע, אז איר קענט אים נאך שוואך: ער וואלט פאר א גראשן געלאזט זיך די פראטעזע ארויסנעמען פון מויל. זיין פילאזא־פיע אויף איין פיס ווילט איר? „איך נעם נישט און גיב נישט". נעמען נעמט ער דווקא יא, נאר גיבן גיט ער נישט. ווייל ער האט...

כאפט דער פיפטער: ווייל ער האט א קרענק...

זאגט דער ערשטער: שיר נישט געטראפן. געלט האט ער אפילו, ווי א גוי, נאר לעבן לעבט ער, ווי א בעטלער. דערפאר האט ער...

זאגט שוין איינער ברוגזלעך: א ווילע מיט א גאנץ שווארץ יאר.

דער ערשטער איז אבער געדולדיק: א שווארץ יאר האט

ער טאקע, אבער נישט קיין ווילע. וואס מיינט איר? ער וואלט־געגעבן עסן א באלעבאסטע, א גערטנער, א שומר, א נהג? ער וואלט זיי אלע אויפגעגעסן לעבנדיקערהייט. ער האט דאך...

איז שוין איינער ביי זיך זיכער: ער האט א ריזן־אפעטיט.

זאגט אים דער ערשטער: איר מיינט אוודאי אז פסיכא־לאגיע איז א לאטעריע? א מענטש דארף מען קענען זען פון אינווייניק און פון דרויסן און נישט לערנען זיך ראטן אויפן צימבל. אזוי זעט אוים א מענטש, וואס האט אפעטיט? אזוינעם פלעגט מען אמאל אוועקלייגן אין אלטן־הויז און פארשרייבן אים אין חברה־קדושה. היינט מוזן מיר ליידן פון אים, ווייל ער האט...

א פרוי האט זיך א ריס־געגעבן און אויסגעשריגן: פרא־טעקציע האט ער...

זאגט דער ערשטער, דער מבין: איר האט זיך מאדאם אביסל פארשפעטיקט. פראטעקציע האט ער געהאט פאר 15 יאר. דעמאלט האט ער דערציילט, אז א באמבע איז אראפגע־פאלן לעבן אים און ער האט אלץ פארגעסן. דעמאלט האט ער געפונען עטלעכע באקאנטע הענט פון רעמי און זיי האבן אים געהאלפן. היינט דארף ער שוין נישט קיין פראטעקציע. היינט דארף ער רחמים און מיר א נס. ווייל איר ווייסט וואס ער האט?

דער זעקסטער האט א כאפ־געטון און געזאגט: וותק!

האט דער ערשטער אפגעזיפצט: דאס איז עס! אייך קומט צוויי פונקטן. איר זעט? מיר האבן שוין דאס רעטעניש, וואס מע רופט חידון, געענדיקט און ער זוכט נאך א דאקו־מענט, וואס איז אים פארלוירן געווארן. אויף אלע האט ער שוין געשריגן, אלע האט ער געווארפן דעם גט פאר די פים. באלד וועט ער אוועקפארן. און מיר וועלן זיך האפנטלעך דא ווידער טרעפן, כדי צו טרעפן דאס נייע רעטעניש.

הער חבר אדער אפי קוימען

איר קענט אים אוודאי נישט. און אפשר טאקע יא? אויף יעדן קאנצערט אין „היכל התרבות" איז ער דא. הערן מוזיק און לייענען וועגן מוזיק אין דער ענציקלאפעדיע, דאס איז זיין האבי, זיין, לאמיר זאגן, ליינדשאפט. ער האט אויך א פרוי. נאר אליין שפילן קען ער נישט און קינדער האט ער נישט. פארוואס מיינט איר? ווייל זיין פרוי וויל נישט. זי האט שוואכע נערוון, האט פיינט דעם קלאוויר און די טעפ און אז זי זעט ווינדעלעך אויפן שבנס מרפסת, חלשט זי. אוווו איז זי שוין נישט אויסגעוועזן? אלע גינעקאלאגן זאגן איר צו און האלטן נישט קיין ווארט. זי איז שוין איבער די פערציק.

א צייט לאנג האב איך אים נישט געזען. געטראכט, אז ער איז שוין אין חוץ-לארץ. ווייל וואס בינדט אים דא? גארנישט. זיינע פלענער, וואס ער מאכט, זענען צוקונפט-מוזיק און האבן דערווייל דעם זעלבן ווערט, וואס די מינים-טערם פלענער. לעבן לעבט ער פון „פיצויים". וואס באדארף אזא ארעמער ייד? עפעלעך מיט טשאקאלאד. ווארעמעס עסט ער פון צייט צו צייט אין זיין לאזשע.

צווישן אזא גרויסן עולם, מיט אזויפיל דעקארירטע און דעקאלטירטע דאמען, איז טאקע אקונץ צו דערזען אויך דעם הער אפי קוימען. שטעלט אייך פאר, אז איך מיט מיין שוואכער בריל האב אים דערקענט. געווארפן אין די אויגן האט זיך מיר זיין טיפישע נאז: ווי אן אנעמיש שטיק פלייש, וואס ליגט צווישן צוויי קויטיק-בלאע טאלן און איבער זיי שווימען זיינע אויגן, ווי צוויי ווייסע קינדער-באלאנען. אויסער דעם זעט ער

אוים ווי אסך אנדערע: אביסל איינגעבויגן מיט קורצע פיס און לאנגע הענט און אויפן ליידיקן שיידל צוויי ווייסע בינטלעך האר, ווי צוויי הערנער פון א ציג. ס׳איז קלאר, אז מיט אים איז געווען זיין פרוי. צו וואס זי פארגלייכן? צו א דאר הינטעלע מיט קעצענע אויגן.

ער האט זיך מיט מיר שטארק דערפרייט. ער האט פאטע־טיש ווי פאטיקא־האניק געזאגט:

— עס איז באמת פאר מיר א גרוים געשעעניש נאך אזא לאנגער צייט זיך ווידער צו טרעפן מיט אייך אין „היכל התרבות״!

איך האב דערקענט אים אמאל, זיצנדיק לעבן אים אויף א קאנצערט. האב איך פארשטאנען, אז די געשעעניש איז בכלל נישט אזוי גרוים. אבער דערמיט וויל ער זיכער מרמז־זיין מיר, ווי וויכטיק פאר אים איז צו דערציילן די היסטאריע פון איבער צוויי חדשים נישט קומען אויף די קאנצערטן. האב איך אים געפרעגט:

— אווו זענט איר געווען א יאר מיט א מיטוואך?

— איך האב מיך אביסל נאריש געמאכט...

— און היינט מאכט איר זיך שוין קלוג?

— דאס דארף איך נישט מאכן, דאס בין איך. איך בין געווען ביז איצט אין שפיטאל. געווארן אפערירט אויף דער פראסטאטא, אזויווי א פראסטער מענטש. דארט האט מען שטארק געהאלטן פון מיר. א סימן: מען האט מיך גערופן הער חבר. אוים דרך־ארץ. אבער איך בין שוואך באגייסטערט פון די דאקטוירים מיטן גאנצן קלעפערגעצייג אין שפיטאל. זיי האבן זיך גארנישט איבערגענומען מיט מיין קרענק. איר ווייסט וואס ס׳הייסט פראסטאטא? ס׳האט זיך ביי מיר אין גאנצן פארשטאפט. בין איך אוועק תיכף אין שפיטאל. האט מען מיר אינסטאלירט א קאטעטער מיט א ניילאן־פלאש. האב איך געזאגט צו דעם דאקטאר: אויף היינט אין אוונט

האב איך צוויי בילעטן צום קאנצערט. וואס זאל איך טון? האט ער געשמייכלט: פארקויפט זיי אדער גיט זיי עמעצן אוועק. איז דאס א באציונג צו א קראנקן? ווייל געבן גיב איך נישט, גיכער נעם איך. און פארקויפן קאן מען די בילעטן נאר פארן היכל התרבות. האב איך ווייטער געפרעגט: קאן איך פארן מיט דער גאנצער אינסטאלאציע? האט מען מיר אן הארץ געענטפערט, אז יא. און אזוי האב איך מיך געדרייט מיטן קאטעטער פארן קאנצערט און אזוויי אויף מיין מזל האט עס פונקט גערעגנט, בין איך צוריקגעפארן אין שפיטאל מיט די בילעטן.

און דא הויבט זיך אן די אמתע „מתי־פאסיאן". מע וויל מיך אהיים שיקן. נעמט מען מיר ארוים דעם קאטעטער און מען הייסט מיר אורינירן. גייט עס ווידער נישט. מאכן זיי אויף די קראנען. אז מען הערט רינען, רינט עס פון דיר אויך. האבן זיי געזען די רוצחים, אז איך בין דאך פארשטאפט, האט מען מיר געהייסן ברענגען בלוט. ווו זאל איך נעמען בלוט? מיין פרוי איז אנעמיש און לעבט קוים.
קיין קינדער נעבעך האב איך נישט, איך אליין בין שוואך, קיין פריינד האב איך נישט. האב איך זיי ווידער געפרעגט, ווי תמיד:

— זייט מיר מוחל וואס איך פרעג אייך: אפשר ווארט איר צו א חודש, צוויי, וועל איך קומען נאך דער אפעראציע און געבן מיין ארעם בלוט אליין?

האט מען געשמייכלט און געזאגט מיט א בייזער:

— אויב איר וועט נישט צושטעלן ביז זונטיק קיין בלוט, וועט מען אייך נישט אפערירן. האב איך נישט געהאט קיין ברירה און געהייסן מיין פרוי קויפן בלוט ביי אן ארעמען ארבעטסלאזן און קודם זיך אויסדינגען מיט אים. וואס זאל איך אייך זאגן? מען האט מיך פארשיכורט און מיר אויפ־געמאכט דעם בויך און צוויי שעה ארומגעזוכט מציאות אין

אים, ווי אויפן מארק פון „פישפושים". נאך אלעמען האלט איך דעם קאפ צווישן די פיס און זע, ווי ס׳גייט פון מיר אפ מיין בלוט אין דער פלאש אריין. יעדן איינעם פון די דאק־טוירים, יעדע שוועסטער פרעג איך: היתכן? פארוואס קומט אהין מיין בלוט אזוי אומזיסט און אומנישט? ווי ס׳איז שוין זייער טבע, האבן זיי געשוויגן און מיר געהייסן שווייגן.

בין איך שוין ברוגז געווארן און נאך א שלעפעריקער נאכט, האב איך געשריגן צו אלע אין מיין זאל:

— היינט עס איך אויף צום פרישטיק א דאקטאר!

איר מיינט, אז זיי האבן זיך דערשראקן? אייסעך־וואס! איינער, אזא חכם, האט דערציילט, אז ביי די פיש טרעפט זיך טאקע עפעס אזוינס. ס׳זענען פאראן פישעלעך־דאקטוירים. קריכן זיי אריין דעם גרעסטן פיש אין מויל אריין און מאכן אים למשל צורעכט די ציין. און דאס אלץ אומזיסט אדער אפשר האבן זיי א דרגה פון קופת־חולים. טרעפט זיך, אז דער גרויסער פיש איז הונגעריק, עסט ער אויף דאס פישעלע־דאקטאר.

אבער פאר דעם זאג נעמען זיי נקמה אין מיר. מען האט שוין אין א גוטער שעה מיר ארויסגענומען דעם קאטעטער און אצינד הייסן זיי מיר יעדע האלבע שעה אפגעבן א ביסל אורין אין א פלאש מיט נומערן. די פלאש שטייט לעבן בעט און איך דארף מיך מעלקן. דאס מאל דארפן זיי נישט ווייסן וויפל איך גיב. אבער איך בין א זשענטעלמאן: נעם איך די פלאש יעדע האלבע שעה און גיי מיט איר אין קלאזעט, גיב אפ דאס ביסל אורין אין דער פלאש אריין און גים זי אוים אויפן ארט. איך מוז דאך נישט באמיען עמעצן, נישט אזוי?

בת־שבע, די הויפטשוועסטער, האט מיך דערפאר אמאל געפרעגט, צי איך ווייס, ווער ס׳איז דער הער אפיקומן, האב איך טאקע געזאגט, וואס אן אמת:

— אזוינעם קען איך נישט.

האבן אלע געלאכט, איך ווייס נישט פארוואס. און פון דעמאלט האט מען מיך גערופן במקום הער חבר, אפי קוימען.

איך מוז אייך זאגן, אז דער נאמען געפעלט מיר דווקא: ער קליגנט אביסל פראנצויזיש. האב איך טאקע נישט לאנג פאר א פאר פונט געביטן מיין דייטשן נאמען אויף אפי קוימען.

דערווייל קלינגט שוין. מען רופט צום צווייטן טייל פון קאנצערט.

זייט מיר געזונט, האט ער זיך געזעגנט. און איך האב אים געענטפערט:

— גיט אכטונג און מאכט אייך נאר נישט מער נאריש!

רעדן וויל איך

דריי זיך נישט — זעץ זיך — דא ביי דעם טיש. אויב דאס פאר־זעעניש קאן מען בכלל אנרופן טיש. אין מיינע צייטן איז געווען א באלעבאטישער טיש דער צענטראלער פונקט פון דער משפחה. היינט האט מען נישט קיין צייט צו זיצן און אויב מען שפארט זיך יא שוין צו, איז עס ארום א ליידיקייט. זיי מיר מוחל: סזעט אוים ווי א בייגל מיט א לאך.

דריי זיך נישט — זעץ זיך — און הער מיך אוים. רעדן וויל איך! דו ביסט מיין טאכטער צי ניט? צו ווער זאל איך קומען אפרעדן מיר פון הארץ, אויב נישט צו מיין פלייש און בלוט? דיין מאמע איז געווען שיין, ווי א ציגיינערין: מיט די גרויסע, לאכנדיקע אויגן, מיט די שווארצע לאנגע צעפ און מיט א מויל ווייסע ציין און א קול, וואס האט אלע בחורים און יונגע לייט געפירט אין באד אריין. אויב דו ווילסט וויסן: מיך אויך. ווען איך בין געווארן דיין טאטע, איז זי געווארן מיין ווייב. איך האב אלע מיינע געפילן, מיין צייט, מיין געלט, אלץ נאר פאר דיר אוועקגעגעבן. און זי, דיין מאמע, האט מיט רייד, מיט קללות און ברכות, מיט אנשטעל און ליגן, געשפילט די גוטע יידישע מאמע. פלוצים איז זי שטום געווארן און אויפגעהערט צו רעדן. וואס ווייס איך? כהאב זי ארומגעפירט פון איין פראפעסאר צום צווייטן. אזוי־ווי איך ווייס נישט, אזוי ווייסן זיי אויך נישט ביזן היינטיקן טאג וואס פאר אן אויפשיקעניש איז אויף איר געקומען. כזאל זאגן: סאיז א שטראף פון הימל? ווייס איך נישט, צי אירע זינד זענען געווען טאקע אזוי גרוים, אז דער ריכטער פון דער

נאטור זאל האבן דאס רעכט איר אפצונעמען איר לשון. מיר איז עס זיך שווער פארצושטעלן די אלע גאט־מעשיות מיט מענטשלעכע וואגן אין הימל, נאכדעם ווי מענטשן דרייען זיך דארט ארום און זעען גארנישט. אבער עפעס אזוינס, וואס מען רופט אן גלייכגעוויכט, מוז דאך עקזיסטירן. אנישט וואלט זיך די וועלט שוין לאנג געמוזט איבערקערן.

ווו לויפסטו? זיץ! האסט אויסגעפראוועט דיין שפרהלע צום קלאוויר־לערער און איצט איילסטו זיך אין קאפע־הויז. און פאר דיין מאן האסטו אנגעגרייט עפעס ווארעמס? ער וועט קומען פון דער ארבעט, מיד, אויפגערעגט, הונגעריק. וועט ער געפונען א ליידיקע שטוב, א קאלטן פריזשידער, און ער וועט קומען ווידער צו לויפן צו דיין שטוטער מאמע און צו דיין טאטע, וואס אט אט פלאצט ער, ווי אן אנגעבלאזענער באלאן און דיין מאן וועט ווידער זאגן מיט א וויטיק: מיין ווייב, אייער טאכטער חיה, איז טאקע א מענטש, אבער דאך א חיה. דו לאכסט? אויך דיין גראם קען איך שוין אויסנווייניק: א געשפאן איז ער און נישט קיין מאן! צוליב דיר האב איך דיין שטומע מאמע נישט איבערגעלאזט און פערציק יאר האב איך נישט מיט וועמען צו רעדן. איך גיי ארום און וויל עפעס זאגן. צו וועמען? מיט די שכנים צעקריגט, קיינער קומט נישט אריין צו אונדז, ווייל צוליב וואס? כדי צו שווייגן? קום איך שוין יא אריין צו דיר, לויפסטו, דרייסטו זיך.

זיץ! הער מיך אויס! רעדן וויל איך! א מאן מוז מען אפהיטן. דאס האט דיין מאמע יא פארשטאנען. אז מען גיט א מאן צו עסן, איז עס געלט אויף פראצענט. האסט אפשר געפונען א בעסערן און מער זיכערן באנק? און א גוט ווארט זאג אים. דו קענסט דאך יא רעדן. אפשר שוין צופיל. זאג! אפשר רעדסטו מיט אן אנדערן? זאלסט אפגעהיטן ווערן פון דער שטראף, וואס האט געטראפן דיין מאמע. אבער נאך ארגער וועט זיין, ווען ער וועט חלילה איבערלאזן דיך און דיין

צעפּיעשטשעטע שפּרהלע וועט בלייבן אַן אַ טאַטן, אַן אַ היים, הפקר ווי אַ גאַסן־הינטעלע, וואָס קודם זעט מען עס סתם אַרומבלאָנדזען און דערנאָך געפינט מען עס צעטרעטן ליגן אויף דער גאַס.

הער, וואָס איך זאָג דיר: קראַנקע ווערן געזונט, שטומע ווערן רעדנדיק. דאָס זענען נישט קיין ניסים. און ווי וועט זיין צו דיר, ווען דיין מאַמע וועט אויף אַ מאָל צוריק רעדעוו־דיק ווערן און זי וועט קומען צו דיר און אַלע מיליאָנען ווערטער פון פערציק יאָר שווייגן וועט זי אויסשיטן אויף דיין קאָפּ און אַריין וועט זי צו דיר מיט אַ כעס און אויס־שרייען: רעדן וויל איך!

פיגורן

דאס קינד האט יא שוין עפּעס גירשנט פון דער מוטער: זי מאכט פון עסן פארשידענע פיגורן, ווי די מוטער פון ליים. די קליינע מאכט עס אבער אין טאג אביסל צופיל. אפשר דערפאר טאקע הייסט זי שפרהלע מאכעס.

פרוי מאכעס איז אליין א לערערין. זי האט אבער חתנה־געהאט מיט אן עושר, וואס האט פרדסים. וויל זי נישט ארבעטן. זי מוז נישט. מאכט זי פון ליים פיגורן. איר מאן פארט אוועק אין פרדס, ווען די זון איז נאך פינצטער. קומען קומט ער אהיים ברוין ווי די ערד און מיד, ווי זיין טראקטאר. אין שטוב דרייט זיך א פרוי צום קינד און א פרוי, וואס קאכט און רוימט. און פרוי מאכעס מאכט פון ליים פיגורן און דערביי טראכט זי תמיד דאס זעלבע: מיט אירע ווייסע הענטעלעך האט זי געקאנט נעמען, כאטשבי א דאקטאר. איר גאנץ לעבן איז איר קאליע־געווארן.

קומט ער שוין יא אהיים. שטייט ער פאר איר, ווי אויף די הינטערשטע פיס מיט די הענט אין דער הויך: טו מיט מיר, וואס דו ווילסט. איך בין דיין הונט און דו מיין הארין!

— גיי, נעם צוזאמען די ווינדעלעך און פאר מיט זיי צום דאקטאר! עפּעס געפעלן מיר נישט די פיגורן, וואס די קליינע מאכט!

א מידער, א ברודיקער פּאקט ער איין אלע ווינדעלעך פון א מעת־לעת און פארט.

זאגט אים דער דאקטאר, וואס האט רחמנות אויף אים, אז די פיגורן זענען נארמאלע.

— איר קאנט, ווען איר ווילט, זיי אפשיקן אין מוזיי אריין־וויצלט ער זיך.

אין דער היים אבער ווארט אויף אים א פייער.

— וואס הייסט? דאס איז ביי אים נארמאל? אויף מיינע פיגורן פון ליים זאגט ער נישט, אז מען דארף זיי שיקן אין מוזיי, נאר אויף דעם דרעק, יא?

צומארגנס לאזט זי אים נישט פארן צו דער ארבעט. זי וועט זאמלען די ווינדעלעך פון קינד און ער וועט זיי מוזן אפפירן מיטן אויטא צוזאמען מיט איר צום דאקטאר. זי וועט אים ווייזן, וואס ס׳הייסט א מאמע!

מיטאגצייט זענען זיי פארפארן צום דאקטאר. מער קאן זי נישט ווארטן. די נערוון פלאצן איר. זי האט עטלעכע מאל א קוועטש־געטון דעם גלעקל־קנאפ, ווי ביי אן אלארם. מען האט שנעל געעפנט די טיר. זי איז אריין מיט א לאנגען, ווייסן פאפיר־וויקל אין דער האנט און געפרעגט אויף דעם דאקטאר. דער זון האט געזאגט סודעסדיק און שמייכלנדיק:

— ס׳איז דא א יונגע, שיינע פרוי. זעט אוים מיט בלומען.

— אויב בלומען — איז כדאי איבערצורייסן דאס עסן, האט דער דאקטאר געזאגט און אריינגעבעטן די פרוי אין גאבינעט.

פרוי מאכעס האט א צארנדיקע צעלייגט אויפן שרייב־טיש אלע ווינדעלעך מיט די פיגורן און מיט א קוועטש א פרעג־געטון:

— און דאס הייסט ביי אייך נארמאל?

דאס צוקערל אדער א שטראף פון גאט

„רצח ד״ר שפירא פגע קשות: שורש הבעיה טמון באווירה הקיימת בארץ ויחס הצבור לרופאים בכלל.״ (ד״ר שוורצברט)

מיין געזונט איז מיר ביליכער! פארוואסזשע זאל איך שווייגן? אפילו א צוקערל פאר מיין שפרהלע האט ער נישט געוואלט געבן. ווייניק עסט ער זיך אן מיט מיין געלט, וואס איך צאל פאר אים? און אז שפרהלע איז א געזונט קינד, איז זיין עסק? יא געזונט, נישט געזונט, א צוקערל קומט איר. דאס קינד האט געריסן שטיקער פון מיר: קום צום דאקטאר, איך וויל א צוקערל! וואסזשע איז ער אזוי נערוועז? וואס גייט מיך אן, וויפל קינדער ער האט שוין אופגענומען? וואס האט ער געזאגט? ביי אים איז נישט קיין מכולת? סאיז אים אראפגעפאלן א שטיק כבוד פון קאפ? ער וויל ארבעטן אין קופת-חולים און האבן נאך כבוד דערצו? גענוק, אז ער האט צו פרעסן! איך געדענק, ווי זיי האבן אויסגעזען, די דאקטוירים, ווען זיי האבן געארבעט אויפן כביש, אין לול, אין שטאל! דאס איז געווען זייער פאסיק ארט! היינט, קוק אים אן, זיצט אין צריף, שוויצט, שרייט און שעמט זיך נישט אין זיין פרצוף, צו זאגן, אז ער זיצט נישט דא כדי צו טיילן צוקערלעך, נאר כדי צו העלפן, ווען מע דארף. און ווו בין איך? ווו זענען מיינע הענט? האב איך אנגעשריבן צו ליפע, וואס איז דא דער גאנצער כל-ולך, אויב איר ווילט איז ער דער כוהן-גדול, ווילט איר איז ער דער הייליקער אקס פון

קופת־חולים. מיט יארן צוריק האב איך געארבעט מיט אים אויף איין כביש. ער האט זיך שטארק דערפרייט מיט מיר, אפשר ניט אזוי מיט מיר, ווי מיט דעם מסירהלע. דאס איז פאר מיר, האט ער געזאגט, דאס אמתע, „צוקערל". אויף דעם ווארט איך שוין א צייט. א ביסל „צוקערלעך" פון דעם דאקטאר, וואס וויפל דו זאלסט אים נישט צאלן, איז אים ווייניק, האב איך שוין. איינמאל, שרייבט מען מיר, פרעגט ער, ווי סזעט אוים דער הוסט, צי ווי פון א הונט צי ווי פון א חמור? איינמאל הייסט ער גאר קויפן עפעלעך פארן קינד קעגן א שילשול. איז געקומען דער פאטער פונם קינד צו אים ער זאל אים געבן געלט אויף דעם רעצעפט אויף עפעלעך. בקיצור: אין עטלעכע טעג ארום האב איך באקומען אן איינלאדונג צום בירור. האב איך איבערגעלאזט מיין שפרהלע אויף דער גאס און געלאפן. אויסער ליפע זענען געקומען נאך עטלעכע גרויסע מענטשן. דער דאקטאר האט גענומען רעדן תורה, האט ליפע געמאכט צו אים מיטן פינגער: שא! זיי האבן זיך געאיילט, זיי וועלן שוין פאר־שטעדיקן וועגן פסק־דין און איך בין ארויסגעגאנגען מיט א גאנצן בויך רייד, וואס זענען דארט געבליבן. אפילו אויס־הערן מיך, האבן זיי נישט געוואלט!

אויף דער שוועל פון צריף איז מיר פינצטער געווארן אין די אויגן. וואס זע איך? די שכנהטע מיט מיין שפרהלע און פונם אויער פון קינד רינט א טייך מיט בלום. דאס קינד וויינט, איך שריי, די שכנהטע רעדט, אלע ארום רוישן. וואס איז געשען? א חמור האט נישט געלאזט זיך שלאגן פון שפרהלע, האט ער זי געביסן אין אויער. האט דער זעלבער דאקטאר פארבונען דעם אויער פון שפרהלע און געזאגט: א שטראף פון גאט! א שטראף פון גאט! האט עס מיך שטארק פארדראסן, אפגעפירט שפרהלע אין שפיטאל און איך בין אוועק צו ליפע. היתכן? אזוי זאגט מען און דאס צוויי מאל?

האט ליפע באשטעלט א בירור מיטן מרכז און דערוויייל
געפארן קיין „מוצה" זיך אפרוען פון דער שווערער ארבעט.
נאך פיר חדשים זענען זיך צוזאמענגעפארן אלע גרויסע לייט,
געהייסן די מאמעס מיט קראנקע קינדער ווארטן און גענומען
זיך צום חמור. אלע זענען געזעסן מיטן קאפ אראפ, ווי שול-
דיקע. נאר דער דאקטאר האט גערעדט מיט חוזק און געזאגט:
פאר 240 לי פירט איר דעם „מכולת"! איך קום נישט מער
צו דער ארבעט! האט ליפע זיך אנגעצינדן ווי אן אקס און
געזאגט: ווער איר שרייבן ספרים! ווייזט זיך ארויס, אז
דאס איז געווען פונקט ווי מיט דער קללה אין בלעמס מויל:
דער דאקטאר האט טאקע גענומען זיך צום שרייבן. איך האב
געזען, אז סאיז ניט גוט, בין איך אוועק אין אן אנדערער
שטאט, ליפע וויל אוועק און אלע דארט ניסן, ווען דער
דאקטאר דערציילט זיי די מעשיה. א סימן, אז זיי ניסן אופן
אמת.

ער איז זיכער א זייער חשובער מענטש

ווער איז ער? און אז איך וועל אייך שוין זאגן דעם נאמען, וואס איז בעצם א סוד, מיינט איר, אז איר וועט שוין אסך מער וויסן? ווייל אזא מין נאמען, ווי ער האט, וועט איר געפונען אין טעלעפאנבוך אין די הונדערטער. און אז איך וועל אייך דערציילן, אז ער איז נודעריך און פליישיק און טראגט א גראבע ברילן, וועט איר שוין יא וויסן, ווער ער איז?

בקיצור: דער דאזיקער איז קראנק געווארן. דאס טרעפט זיך ביי אים. ער ארבעט אין דער „הסתדרות", האט ער א רעכט דערצו. איך, למשל, וויים נישט, וויפל מאל אין יאר מען מעג קראנק זיין לויטן געזעץ. ער אבער ווייסט, ווערט ער קראנק און רופט תיכף זיין דאקטאר פון קופת-חולים צו זיך אהיים.

קומט דער 70-יעריקער דאקטאר, וואס איז נישט לאנג עולה-לגדילה-געווארן פון רומעניע, כדי דא צו ווערן א שיק-יינגל צו קראנקע. קומט ער ארויף אויפן 4-טן שטאק, ווייל זיך אביסל אויססאפען, בעט ער מען זאל אים געבן א בענקל. ער קאן נאך נישט כאפן דעם אטעם, אבער דער קראנקער האט נישט קיין צייט. ער רעדט פאר פייער און וואסער. קודם-כל: ווו איז זיין אייגענער דאקטאר? דערנאך: וואס קאן אים שוין העלפן דער נעבעך, וואס דארף אליין א הילף פון גאט? האט אים דער אלטיטשקער אויסגעהערט, אפילו ארייגעקוקט אים אין מויל, פארשריבן אים אויף לאטייניש אספירין און ווייטער געדראפעט זיך צו עטלעכע אזוינע קראנקע.

נאכמיטאג האט דער חבר, וואס זיין נאמען איז בעצם א סוד, אנטלעפאנירט צום כל־ולך פון קופת־חולים, וואס איז דארט כמעט דער הייליקער אקס, און געבעטן אים, אז ער זאל אים שיקן א דאקטאר מיט הענט און פיס, א ספעציא־ליסט, וואס איז נישט קיין בלינדער און נישט קיין יונג אן אייער. מיט אים מעג ער אזוי רעדן, ס'איז דא א סוד דערביי. ווייל אויף דעם, וואס איז געווען פארמיטאג, איז א גרויס רחמנות און דרך־אגב, זאגט ער, איז אויך א רחמנות אויף דעם הסתדרות־געלט פאר אזוינע.

איז געקומען ד״ר לעקער. אים דווקא קענען אלע. ער האט א גרויסע צונג. און ער ווייסט, וואס צו טון מיט איר. האט ער געקוועטשט לאנג דעם שטערן, שטייף און וויכטיק געש־וויגן און נאך אלעמען פארשריבן אספירין אויף לאטייניש און איז אוועק מיט אסך שיינע ווערטער.

ביינאכט האבן דעם קראנקען די צוויי דאקטוירים נישט געלאזט שלאפן: משטיינסגעזאגט, צוויי פוסטע ברויט־פרע־סערס. האט ער אנטלעפאנירט אין „מגן־דוד־אדום״. איז געקומען א יונגער גינעקאלאג, וואס וויל נעבעך צופארדינען עטלעכע פונט ביי נאכט, כדי מפרנס־צו־זיין א פרוי מיט צוויי קינדערלעך, זיי זאלן זיין געזונט.

האט ער שנעל אים איבערגעלאזט 3 טאבלעטן אספירין, געגעבן אים שנעל א קבלה און אוועק, ווי דער ווינט, ווייטער צו אזוינע קראנקע. די נאכט איז קורץ, כאפ אפ די נאכט.

אין דערפרי האט דער קראנקער געזען, אז ס'איז ניט גוט: אי ער ליגט אין בעט, אי 3 דאקטוירים זענען געווען און ער האט נישט קיין צעטל, אז ער מוז ווייטער אזוי ליגן.

האט ער אנטלעפאנירט „פריוואט״ צו א קופת־חולים דאקטאר. זייגער 11 איז ער צוגעפארן צו אים אויסגעהערט די גאנצע מעשה פון אנהויב ביזן סוף, בודק־געווען אים פון

קאפ ביז פיס, געגעבן אים א צעטל אויף א צענערל און ארויסגייענדיק אים א פרעג-געטון:

— איר זענט זיכער א זייער חשובער מענטש?

— יא! — האט ער צופרידן געענטפערט — זהו זה! אזוי איז עס!

ב. צרות פון ביכער

1. צרות פון ביכער 61
2. ליטעראטור און ליבע 63
3. דער ארטיקל 66
4. ווער קען נישט קאלירן ? 68
5. יאסל טאפעצירער 71
6. פילאזאפיע 73
7. מוזיקאלישע עקסקורסיע 75
8. וואס קען זיך טרעפן אין פאריז ! 77
9. זאג מיר א גוט ווארט 79

צרות פון ביכער

וואס טויג אייך די מעשה? און אז איך וועל זי אייך שוין יא דערציילן, קאנט איר חלילה נאך נעמען און מאכן דערפון א בוך און איך וועל האבן דערפון נייע צרות. יא! טאקע צרות פון ביכער, מען זאל אפגעהיט ווערן. דא אנומלט באקום איך א חשבון מיט דער פאסט אויף 42 פונט פאר ביכער. וואס מיר ביכער? ווען מיר ביכער? צו מיין פרנסה, פעלן זיי מיר נישט אוים. ווען איך וואלט געהאט אזויפיל געדולד, ווי זיי, וואלט איך געקענט אנשרייבן 100 ביכער און אביסל אינטערעסאנטערע פון די, וואס איך וויל זיי אפילו נישט זען. לאכט נישט, ס'איז נישט קיין געלעכטער! אויפן כביש צו ארבעטן אין די חמסינים איז עפעס א זאך צו לאכן? און ביים בנין האב איך געארבעט מיינט איר, צוליבן שיינעם אחרית הימים? האט איר שוין צוויי ביכער. און ווו איז דער מושב מיט די קי און קעלבלעך, וואס נאר פארמושב'ט קען מען פון זיי ווערן. האב איך געשלאגן מיטן שטאל כפרות און זיך צוגעבונען, ווי א הונט, צו דעם שטיקל קיאסק, און שטיי אין אים א גאנצן טאג אויף די געשוואלענע פיס פאר א גראשן. וויפל ביכער, מיינט איר, קאן מען דערפון מאכן? אז מען רעדט פונם בוך, קומט דער רוח. רעדט מען פונם מלאך, קומט דער גלח. איר זעט? ער איז שוין ווידער דא מיט זיין פרייוועט. ער איז שוין ווידער געקומען מיך גאלן. כבין אזוי אריין אין די ביכער, אז איך האב פארגעסן אייך צו געבן דאס גלעזל גאזאז.

איר האט געהערט זיין זאטן גוט — מארגן? און איך קאן אים קיין גוט יאר נישט ווינטשן.

— וואס ברענגט איך ווידער צו מיר? כ׳האב דאך מיט איך שוין געענדיקט?

— וואס בין איך דען, א מלאך־המות? איך פארלענגער איך דאס לעבן גיכער, דערמיט וואס איך וויל איך צעלייגן דעם חוב אויף לאנגטערמיניקע ראטן. אייער טעכטערל האט שוין אוודאי לאנג איבערגעלייענט די ביכלעך, וואס זי האט באשטעלט ביי מיר און איך וויל דאך נישט ביי איך דאס געלט אויף איין מאל. לאמיר קומען צו א הסכם. אן נערוון.

— איר האט שוין געזען היינט א מענטש אן נערוון? נאר מיין טעכטערל זוכט שפאנונג אין אייערע ביכער. איך בין גענוג געשפאנט אן די ביכער. איך פארשטיי נאך: מע קויפט א תנ״ך פון גארדאן אדער אן ענציקלאפעדיע. אפילו דער דירעקטאר פון מיין טעכטערלס שול זיצט תמיד איבער דער גרויסער ענציקלאפעדיע... אבער פאר פשוטער שפאנונג דארף איך נאך צאלן? נעמט איך, אדוני, צוריק די ביכלעך און זייט געזונט.

— גם אתם. זייט טאקע געזונט, כדי איר זאלט קאנען געזונטערהייט באצאלן מיט געריכטסשפעזן די עטלעכע פונט.

אזוי קיילעכדיק ווי ער איז, אזוי זיינע רייד.

פרעג איך איך: קאן מען נישט אנשרייבן א גאנץ בוך דערפון?

מיין פרוי האט תמיד מער רחמנות אויפן טעכטערל ווי אויף מיר. נעמט זי און זאגט מיר מיט א שמייכעלע:

— ווען זי ברענגט דיר אהיים אנשטאט ביכלעך עפעס אנדערש, וואלט דיר בעסער געווען?

דאס איז געווען פאר מיר, ווי אן אטאם־באמבע. נאך דאס פעלט מיר? האב איך גענומען און ארויסגעשיקט דאס געלט צו אלדי רוחות און אליין האב איך געשווירן, אז די הונדערט ביכער וועל איך שוין אפילו נישט וועלן שרייבן און איך בעט איך, ווי מיינעם א גוטן קליענט, לאזט אפ און שרייבט נישט וועגן דעם. ווייל **נאך א בוך, נאך א צרה.**

ליטעראטור און ליבע

זי: דו וועסט זיין מיין קינד, מיין איינציק קינד! מיין גאנצע מוטער־ליבע שענק איך דיר אוועק צוזאמען מיט די פיצווייס. דו ביסט מיין מותיקל, מיין בובעלע, מיין פיצעלע...

ער: כהאב ליב דיינע באגייסטערטע רייד, פונקט ווי דיינע פייערדיקע האר און דיין יידיש־לשון וועט זיין פאר מיר א קוואל, פון וועלכן איך וועל טרונקען ביז שיכרות.

זי: איך וועל דיך, מיין קינד, האדעווען מיט לעפעלעך און געבן דיר צו עסן פויגלמילך אן זאלץ. און דו וועסט מיך ליב האבן ווי דיין מאמעלע, מיין יונגעלע מיין ווילס.

ער: געליבטע מיינע! איך בין תמיד געוועזן א גוט קינד. דער טאטע האט געהייסן מיר לערנען א בלאט גמרא, די מאמע האט געהייסן מיר מאכן מאטורע. האב איך זיי געהערט און געמאכט. דערפאר האט די דינסט מיך נישט געלאזט אפילו די שיך צובינען אליין...

זי: רעג דיך נישט אויף — דערמאן נישט דעם אמאל, וואס איז געווען אזוי שיין פאר דיר. דאס קאן דיר חלילה נאך אפשוואכן דיין הערצעלע — — —

ער: ווילסט, טייערינקע, הערן א ווערטל? מיין דאקטאר זאגט מיר: „רעדן איז סם, שרייב נאר צום גראם". מעגלעך אז ער געדענקט נאך מיינע לידער אויף פויליש. היינט רעדט ער צו מיר ווי צו א קאלעגע: איר ווייסט דאך, אז רעדן מאכט שוואכער דאס הארץ; שרייבן איז געגליכן צו א דיאורעטי־קום, וואס צאפט אפ דאס וואסער און סווערט לייכטער אויפן הארצן...

זי: ביי מיר וועסטו, מיין אוצר, נאר רעדן פינף מינוט אויפן זייגער און איך דאס איבריקע. ווען א גאסט וועט קומען וועט ער סייווי צום ווארט נישט קומען. ווייל וואס קאנסטו שוין הערן פון זיי, מיין תלמיד־חכמל?

ער: דו איינע, מיין געליבטע, פארשטייסט מיך. אן א פסוק, נישטא קיין חכמה. אן גמרא, ווערט מען די כפרה.

זי: שפריצסט דאך מיט קלוגשאפט, ווי שלומה המלך! איך וועל דיך, מיין קיניג, נאך ארויפזעצן אויפן כיסה־הכבוד און דו וועסט געוועלטיקן איבער אלע...

ער: אצינד זע איך, אז דו האסט מיך טאקע ליב: פארש־טייסט מיך. פארשטיין הייסט ליב האבן.

זי: איך וועל אוים דיר מאכן א צענטראלע פיגור, אן אויטא־ריטעט.

ער: איך וועל נישט בענטשן, נאר שעלטן. דערמיט וועל איך זיין אנזועווודיק.

זי: אוי צו די שרייבערלעך, נאראנים, גראבע־יונגען, גראפא־מאנען! זיי וועלן דיך פיינט קריגן, אבער מיין ליבע וועט וואקסן צו דיר און דו וועסט בלייבן דער איינציקער, דער אייביקער פאר מיר און פאר דער ליטעראטור.

ער: דאס וויל איך דאך! מיר מוזן זיין אומשטערבלעך!

זי: רעדט נישט וועגן שטארבן, בעט איך דיך. רעג זיך נישט אויף, סוועט דיר נאך חלילה שאדטן און מיר וועלן מוזן פארן נאך אמאל אין בית־הבראה.

ער: אוועק, אוועק, ווי טאלסטאי קיין יאסנאיא פאלאניא... אוועק, אוועק, ווי ירמיהו אין האטעל פון מדבר — — — אבי נישט צו לייענען די רייד פון אן ארטיסט, וואס איז צווישן שרייבערס אן ארטיסט און צווישן ארטיסטן א שרייבער. אבי נישט צו לייענען זייערע ראפארטן, וואס רופן זיך קריטיק, משטיינס־געזאגט.

זי: איך זע אין דיר, מיין געליבטער שוויגער, דעם גרויסן קאצקער...
ער: וואס דען האסטו געמיינט, טייערינקע, איך זאל זיך מאכן ענלעך צום ווייבערישן ר׳ לוי יצחק בן-שרה פון בארדיטשעוו?
זי: גוט, גוט, אבער ר׳ לוי יצחקס לידער זינגט מען און מע וועט זינגען און דעם קאצקערס שווייגן וועט פארשוויגן ווערן...
ער: סייווי גייט יידיש אונטער און דאס שווייגן וועט בלייבן. א מבול פון ביכער פארפלייצט אונז. איך בין שוין מיד פון דעם נביאשן שרייען: הערט אויף צו שרייבן!
זי: רעג זיך נישט אויף. איך וועל דיר העלפן מיט מיין צונג, ציין און הייליקן ציטער. אדער זיי וועלן אויפהערן צו שרייבן און דו וועסט בלייבן דער איינציקער אדער זאל קומען א מבול און אפשווענקען אלץ. דיינע ביכער וועל איך באגראבן אין א קאסטן פון פימסנהאלץ אונטערן הויז און יגאל ידין וועט זיי אויסגראבן, טריקענען, קלעבן און פאטאגראפירן און דו וועסט בלייבן דער איינציקער אויף עביק. אמן, טאטע-פאטער!

דער ארטיקל

דעם ארטיקל וועט איר טאקע נישט לייענען, אבער וועגן אים הערן אביסל רכילות, וועט איר זיך זיכער נישט אפזאגן. סאיז פיקאנט.

געמאכט איז ער געווארן דער ארטיקל אין עטלעכע נעכט. א צייטלאנג האב איך אים געגלעט, געפוצט, געצער־טלט און ער איז זיך דערווייל געוואקסן, ווי אויף שטיקער מוח און הארץ. ביז איך האב אים געלאזט גיין. איז ער אוועק אין א רעדאקציע. דארט האט מען זיך מיט אים א שפיל־געטון און אים אהיימגעשיקט מיט א בריוועלע צום טאטן: מיר האבן גענוק געזען אזוינע פארזעעענישן.

איז ער דער ארטיקל געגאנגען אין א שטעטל, וואס איך שעם זיך דעם נאמען אנצורופן. האט מען דארט געמאכט א זיצונג פון דריי טעג און דריי נעכט. יעדער פון די זיבן רעדאקטארן האט אויסגעשטראכן א ווארט אדער א פסוק און דעם ארטיקל א לעבערדיקן געלאזט באווייזן זיך פאר מענטשן.

האט איין מענטש געלעגנטלעך א קוק־געגעבן אויפן קעפל פון דעם ארטיקל, אפגערוקט זיך שנעל פון אים און געזאגט: עפעס א קענטלעך פנים... ווארט נאר, ווארט: ווו נעמט א מענטש אזא שטארקן טאלענט אין די נעכט, כדי צו מאכן אזא פערפעקט שטיקל ארבעט...

די יארן גייען זיך, די רעדאקטארן דרייען זיך. איינער האט אין אן ארטיקל־לאזער נאכט זיך געדרייט און געפונען דעם אפגעדרוקטן ארטיקל. האט ער אויסגעשניטן שטיקלעך

און אויפגעהאנגען איבער זיי זיינס א שילדל: דא זעט איר פראגמענטן פון בארימטן ארטיקל, וואס איז ווערט די אלגע־מיינע פאראינטערעסירונג!

האב איך זיך געטראפן מיט דער אל־געמיינהייט און געפרעגט זי, ווי סגעפעלט איר דער בחור־ארטיקל. האט איינע פון דער אל־געמיינהייט געזאגט: די צייטשריפט באקום איך טאקע, אבער איך האב זי נאך נישט אויפגעשניטן.

די צווייטע אל־געמיינהייט האט קאקעטיש כיכאטשעט: איך האב ליב צו לייענען עפעס פריילעכס. גיט מיר אן ארטיקל וועגן ארטיקל, וועל איך אים לייענען. ווייל סאיז פיקאנט.

איך האב אבער נישט פארלוירן דעם מוט, געזוכט און געזוכט און דאך געפונען. געטראפן א ייד אין א געזעלשאפט, איז ער פון פאך א קארעקטאר. האב איך אים מיט טעמפערא־מענט א פרעג־געגעבן: איר האט אוודאי געלייענט דעם ארטיקל...

האט ער מיט א קרעכצעלע געענטפערט:

— א ברירה האב איך? איך לעב דאך דערפון!

ווער קען נישט קאלירן?

איר זאגט קאליר. ווער קען נישט קאלירן? איך האב נאך געקענט זיין פאטער ע"ש. געווען איז ער א ייד א תלמיד-חכם, א מוהל, מיט א הדרת-פנים. ביי אונדז אין שטעטל איז ער געווען ראש-הקהל, ווען ער האט דערפילט, אז מען זיצט אויף א בארג פון גליענדיקן אש, האט ער איינגעפאקט זיין ביסל האב און גוטס און געפארן קיין ארץ-ישראל. ער האט געהאט א זון אהרון. ווו איז טאקע דער אהרון הינגעקומען? ער האט אמאל, נישט פאר אייך דערדאכט, געהאט צו טון מיט א פים. איר פרעגט מיך; צי איך קען קאלירן? פיינע מענטשן געווען די קאלירס. ר' בנימין האט געהאט א זון משה, אפגע-שיידט זאל ער זיין, דער פון די בלומען. עך! האט ער געהאט א גוט הארץ!

צי איך קען קאלירן? א שיינע זאך! איך געדענק אפילו, ווען זיי האבן געקויפט דאס הויז. און אויב איך בין זיך נישט טועה, האט עס געקאסט א שיין ביסל פונטן און דעמאלט א פונט איז געווען א פונט... היינט איז עס ווערט... וואס? 100.000? און דריי מאל אזויפיל ווילט איר נישט?

א גוטע זאך, צי איך קען קאלירן? מען דארף זוכן אזוינע מענטשן, ווי קאליר. איר גייט אויף א מסיבהלע לכבוד אליעזר קאליר, לאז זיין אליעזר. פרעגט אים, וואס איז געשען מיט אהרונען. איך געדענק אים נאך אלס יונגל. וואספארא יום-טוב איז עס, וואס איר מאכט אים די מסיבה? ס'איז דאך שוין נאך חנוכה און נאך די לאטקעס. א! אזוי-גאר! ער האט ארויסגעגעבן א בוך, זאגט איר? אליעזר קאליר האט עס

ארויסגעגעבן, צי אהרון קאליר? אפשר זייט איר אייך טועה? אהא? דאס איז דאס בוך? „בלומען פון ישראל״? אויב אזוי איז עס זיכער פון משה קאליר, ווייל ער האט געהאט צו טון מיט בלומען. וואס ער שרייבט אין דעם בוך מוז איך אפילו נישט לייענען. איך קען די אלע מעשיות אויף אויסווייניק, ווייל איך בין פון זיין שטעטל. איך קען אים צוגעבן צו דעם נאך אסך, וואס ער האט זיכער פארגעסן.

אוי! גיט נאר א קוק, וואס ס׳קען זיך טרעפן. דא לעצטנס האט מיינער א קונה אריינגעבראכט מיר א פעקל יידישע צייטונגען, ריינע ווי פון דער נאדל, כדי איך זאל האבן אין וואס צו פאקן מיין סחורה. ער איז נעבעך א שרייבער און ווען ער שרייבט עפעס אן אין דער צייטונג, זאגט ער, באצאלן זיי אים נישט די באנדיטן, פארדינט ער די פאר גראשן ביי מיר פארן צייטונגס־פאפיר, וואס מען שיקט אים גאנצע פעק. אנימלט האב איך אזוי אויפגעעפנט א צייטונג ביים פאקן א פיטלינג און געזען דארט דעם נאמען אליעזר קאליר. נאר גיי וויים, אז דאס איז ער. פון וואסזשע לעבט ער, דער שרייבער אליעזר קאליר, פון שרייבן? עפעס וויל זיך עס נישט גלויבן! און אויב נישט פון שרייבן, נאך וואסזשע שרייבט ער? פארלאזט אייך אויף אים, ער ווייסט אויך וואס חז״ל האט אין דעם ענין געפסקנט: א בוך איז נישט קיין האק. און אז ער וועט נישט שרייבן, וועט ער שוין יא האבן פון וואס צו לעבן?

לאזטזשע גריסן אליעזר קאלירן און פרעגט אים, וואס הערט זיך מיט אהרונען. ער וועט זיכער געדענקען זיין בן עיר ליפע ליפינסקי, ווייל אן א גוטן זיכרון, וואס ער האט, וואלט ער קיין שרייבער נישט געווען. דערמאנט אים, אז ער האט געמעגט, כ׳לעבן, מיר צושיקן א געשאנק זיין בוך. וואס ער שרייבט דארט, מוז איך אפילו נישט לייענען. איך קען די אלע מעשיות אויף אויסנווייניק, ווייל איך בין פון זיין שטעטל.

איך קען אים צוגעבן צו דעם נאך א סך, וואס ער האט זיכער פארגעסן.

נאר איין גוט געשעפט האט ער געמאכט מיט זיין בוך אליעזר קאליר:

אויב משהם בלומען פלעגן אנהאלטן עטלעכע טעג מיט זייער שיינקייט, וועלן אליעזרם בלומען עביק בליען.

יאסל טאפּעצירער

צו אלווײלן אין שענק אין דער קהילה־קדושה קאלאמיי האט די זון זעלטן און אביסל זעזעוואטע ארײנגעקוקט נאר דורך דער טיר. אינווייניק איז דאסמאל געווען פריש אויסגעקערט. ביי די פּאר טישלעך זענען געשטאנען די בענקלעך ליידיקע, אויסגעשטעלטע, ווי צו א פּאראד. יאסל טאפּעצירער, א קרעפּקע יידל מיט צוויי וואנסעס, פּעטע און פאַרדרייטע אין צוויי חשובע ספּיראלן, איז געשטאנען ביים בופעט אנגע־שפּארט אויף זיין געלן, גראבן שטעקן און געכאפּט א שמועס מיטן שענקער. אויפן וואך־גאג־בערדל פון אלווײלן איז געווען אויסגעגאסן דער ערנסט פון דאגת־פּרנסה און צוליב דעם אויך האט ער געטראגן אויפן קאפּ א הויך, שווארץ קאפּל.

דער דריטער בין איך ארײנגעקומען. שטייענדיק האבן מיר געווארט אויף איציק מאנגערן. ער האט דאס אראנזשירט די באגעגעניש מיט זיין פעטער יאסל אין שענק. ס'איז געווען פארמיטאג, אין א טאג אן א יריד. מאנגער איז, ווי בלאנדזשע־נדיק און אין א פארלעגענהייט, צוגעקומען צום בופעט. יאסל האט אים אפּגעגעבן א ברוך־הבא לויט זיין שטייגער:

— וואסי? האסט פארגעסן, איציק, מיין אדרעס? מיין שטוב איז שוין קיין שטוב נישט?

מאנגער האט געזוכט ווערטער און געפּלאנטערט:

— געקומען... אויף... קבר־אבות...

— רעדזשע אזוי! — האט אים יאסל גענומען ארויס־העלפן — צו די טויטע ביסטו געקומען... איצט פארשטיי איך שוין... אבער מיר לעבעדיקע קאנען דאך העלפן, אז זייערע

נשמות זאלן קאנען ארייננכאפן זיך אין גן־עדן... מיט א פשוטן „לחיים"... דערלאנגטזשעט, ר' אלווייל, בראנפן מיט א שטי־קעלע הערינג...

מאנגערן איז געווארן אביסל לייכטער אויף דער נשמה און א פונק פון ליצנישער פרייד איז געפאלן אויף דעם געגרייטן טיש. מיט א שארמאנטן שארך האט ער פארביטן יעדעס גלעזעלע בראנפן מיט א גלאז ביר. אזוי זענען מיר געזעסן און ארייננגעהערט זיך אין דער שטילקייט פון שענק אין אן אלול־טאג אן א יריד. אין דער א שטילקייט, ביי דעם טיש האב איך געהערט דאס עכא פון דער מאנגער־מעלאדיע, וואס איז „היימיש, ליב און טייער".

ווען מאנגער האט זיך אויף א מינוט אפגעזונדערט פון אונדז, האט יאסל טאפצירער, מיך א פרעג־געטון:

— זאגט מיר, איך בעט אייך, צי וועט נאך אמאל זיין פון איציקן א לייט?

פילאזאפיע

זי האט שוין מער נישט, וואס צו פארלירן: זי איז יונג געווען, אצינד איינגעשרימפן; זי האט אן אידיי געהאט, אצינד האט זי פארלאזט זי צוזאמען מיטן לאנד. געבליבן איז איר די ווייכע צונג. מיט איר גייט זי צו דער היגער געזעלשאפט. און דא רעדט זי ווייטער:

איך מיין: מארקס האט זיך טועה געווען. פילאזאפיע קען נישט איבערמאכן די וועלט, זי האט נישט קיין אוטיליטערן כאראקטער. די דערקענטעניש פון ריינעם אמת — דאס איז דאס וויכטיקסטע. און ווי כשר אינטערנאציאנאל איך האב מיך באמיט צו זיין, האט תמיד אין מיר געטליעט א ניצוץ פון בענקעניש קיין ארץ־ישראל. אצינד זענען מיר געקומען צו אייך. און וועגן דעם וואס סאיז דא געזאגט געווארן, וויל איך אין גייסט פון שפינאזא נאר צוגעבן:

נישטא אויף דער וועלט קיין צוויי זאכן, וואס זאלן זיין גלייך צווישן זיך. למשל: איין פקיד איז נישט גלייך צום צווייטן. איין ביסל טיי איז נישט גלייך צום צווייטן, איין בענקל איז נישט גלייך צום צווייטן און איין חזיר איז נישט גלייך צום צווייטן. מעגלעך, אז דער חזיר קלערט אויך דאס זעלבע, אבער ער קען עס נישט ארויסזאגן. דאס איז דער חילוק צווישן מיר למשל און אים.

אין דער געזעלשאפט האט געדויערט א צייט לאנג א קאנצענטראציע. ביז איינער האט גענומען רעדן:

— איר האט רעכט, וואס איר האט נישט געגליכן זיך צו קיין פויגל. איך זאג עס „סינע אירא עט סטודיא": א

מענטש, וואס האט צוליב אנשטאפן זיך דעם פיסק, פאר־ שטאפט דעם צווייטן דאס מויל, געווארגן אים, געביסן אים אין נאמען פון אן אידיי, איז גיכער געכליכן צו א חזיר. איר זייט גערעכט: מיר קענען זיך נישט גלייכן. ווייל נישטא אויף דער וועלט קיין צוויי אביעקטן, וואס זאלן זיין גלייך צווישן זיך.

מוזיקאַלישע עקסקורסיע

פאַר די וואַלן פאַר איך מיט אַלע. ווען וועל איך זען דאָס לאַנד, אַז ניט פאַר די וואַלן? פאַר איך מיט אַלע 15 אותיות, פאַר אַנדערטהאַלבן פונט אַהין און צוריק. איך שרייב מיט קיינעם חלילה קיין תנאים נישט. איך פאַר פאַר מיין געלט.

זאָג איך צו מיינעם: אַלע אותיות סימפּאַטיזירן מיט אונז, אַלע זאָגן זיי אונז עפּעס צו, אַלע האָבן אונז ליב, און ווילן אונז העלפן. קומזשע לאָמיר פאָרן. די קינדער וועלן מיר נעמען אויף דער שוים; דערפאַר צאָלט מען נישט.

זאָגט ער: בסדר. אָבער וואָס וועט זיין אין טאָג פון די וואַלן, ווען אַלע 15 אותיות וועלן קומען דיך נעמען?

זאָג איך: אדרבא זאָלן זיי מיך פירן מיט טעקסיס שפּאַצירן. ווען קאָן איך מיר דערלויבן אַזאַ לוקסוס צו פאָרן ספּיישל, אויב נישט אין טאָג פון די וואַלן?

זאָגט ער: אייגנטלעך ביסטו גערעכט. מיר זעענען דאָך אומפּאַרטיישע און אַלע פּאַרטייען רעדן דאָך אין נאָמען פון אונז. זעענען דערפאַר די עטלעכע טיולים אַ גאַנץ כשורע זאַך און טאַקע, ווי געשאַפן פאַר אונז.

זאָגט זי: דאָס פאַרשטיי איך. דאָס הייסט גערעדט! מיר וועלן אַרויספאָרן מיט דער גאַנצער משפּחה און אַלע שכנים וועלן צעטראַסקעט ווערן. אין אויטאָבוס וועלן מיר זינגען, און שרייען ווי קינדער. וואָס מיר טייערונג, ווער מיר משכורת? פריילעך זאָל זיין! ווי גייט דאָס לידל? מי שעולה לתורה מבפנים...

ציט ער דעם ניגון ווייטער: „זעט מען די תורה אויף

אים". זעסט! יעדערנס קול איז וויכטיק.

ענטפערט זי: און אלע קולות צוזאמען וועלן שאפן א סימפאניע.

זאגט ער: דערצו פעלט נאר איין קלייניקייט: דער קאמפאזיטאר און דער דיריגענט.

זאגט זי: מיר האבן א קאמפאזיטאר, אזא יאר אויף מיר. איז ער דערצו א געניאלער דיריגענט מיט אלע פיטשעווקעס, אפילו מיט קאפריזן, ווי ספאסט פאר א גרויסן מענטש.

זאגט ער: דו מיינסט אוודאי זיין „עצמאות־סימפאניע"? און זיין „סיני־ראנדא"?

זאגט זי: און זיין „שול־פאסטאראל" מיט דער „נגב־קאנטאטע" קענסטו?

זאגט ער: און וואס זאגסטו נישט צו זיין נייעסטער „טיל־סאנאטע"?

זאגט זי: אצינד זעסטו שוין, אז איך בין נישט סתם א יאכנע, וואס פארט קיין סחנה? פאר די וואלן פאר איך טאקע מיט אלע, אבער אויף מוזיק פארשטיי איך מיך אויך.

לאכט ער: און וועלכער ייד איז נישט קיין מבין אויף א ביסל גוטער מוזיק?

וואס ס׳קען זיך טרעפן אין פאריז!

איך מוז אים אייך נישט פארשטעלן, אפילו נישט אים באשרייבן מיט נודנע פארגלייכנוגען אדער מיט א פאס אבסטראקטע פארבן. אלע, און נישט נאר אין גאנץ ישראל, קענען אים דאך. וועל איך דערציילן נאר די הוילע מעשה.

צו מיר קומט ער געוויינטלעך פאר חצות. מיט א גרויסן טשעמאדאן, ווו ער האט זיינע איבער טויזנט מיניאטורן און מיט א קליינער טעטשקע, ווו ער האט א שטיקל זייף מיט טשאקאלאד, אויף נישט צו באדארפן. תמיד קומט ער נאר א קוק טון, וואס מיר טוען און ער איילט זיך זייער צו א פריינט, וואס האט אים פארבעטן און וואסווארט אויף אים. נאר אזוי־ווי ער געדענקט נישט זיין נאמען און נישט זיין אדרעס, זעצט ער זיך אוועק אויפן קאנט פון בענקל, נעמט ארויס זיין נאטיץ־ביכל און זוכט און זוכט און דערציילט דערווייל פון זיינע גערעטענע אייניקלעך און דערווייל עסן מיר עפעס און טרינקען אביסל עפעס און ווערן מיד פון א גאנצן טאג און גייען שלאפן. ער אויך. נאר ער איז א שוואכער שלאפער. ער גייט ביינאכט פון איין וואנט צו דער צווייטער, פארשרייבט א סקעלעט פון א מיניאטור און גאנץ פרי פאקט ער זיך שוין, ווייל ער האט נישט קיין צייט.

לעצטנס איז ער געקומען געזעגענען זיך: ער פארט קיין פאריז. חלילה, נישט קיין שליח, מען זאל אפגעהיט ווערן. ער פארט פאר זיין אייגן געלט, וואס ער האט געבארגט אויף פראצענט אין באנק. האב איך אים געגעבן דעם אדרעס פון נתן. אים קענט איר דאך: און אויב נישט קענט איר

דאך אביסל אין די קליינע אותיות, וואס טייטש: דער באַרי־מטער חכם און דערצו בכלל א ייד, וואס האט ליב יידן און איז א גרויסער מכנים־אורח.

איז מיין פריינט יאסל געקומען קיין פאריז און פארפארן צו משה. אבער צוליב דריי חסרונות איז אים שווער געווען נאך דריי טעג צו קומען צו משה. ערשטנס איז יאסל נישט קיין רעדאקטאר און נישט קיין ווארט־זשאנגלער. צווייטנס איז ער פונקט אזוי הויך און ברייט ווי משה. און דריטנס איז ער אפילו אן ענלעכער קבצן, ווי ער.

האט יאסל אויף א באגעגעניש מיט סאסנאוויצער לייט געטראפן זיך מיט זיין יוגנט־חבר נתן און שטארק דערפרייט זיך מיט אים. און אזוי פרייענדיק זיך אהיימגעפירט אים צו זיך און יאסל האט זיך געפילט ביי נתנען, ווי ביי זיך אין דער היים איבער א חודש־צייט, סיי בייטאג סיי ביינאכט.

איינמאל, זיצנדיק אזוי ביים ווארעמעס מיט דער משפחה פון נתן, ציט ארויס יאסל זיין נאטיץ־ביכעלע, בלעטערט און בלעטערט און זוכט און פלוצעם זאגט ער מיט א געמיטלעכן קוועטש:

— איך האב אסך אדרעסן — איך קאן אבער זיך נישט צערייסן! איינער א ייד האט מיר געגעבן אן אדרעס און געבעטן מיך איבערגעבן א גרוס, ער דארף זיין א גרויסער מכנים־אורח. נאר א רגע! נאך איין מאמענטעלע! אהא! צי קענט איר אפשר אזא ייד: נתן, פאריז?

זאג מיר א גוט ווארט

איך בין אריינגעקומען צו אים זיך געזעגענען, איז ער געזעסן אליין ביי זיין שרייבטיש. זיינע אויגן זענען געווען, ווי צוויי גלאבוסן איינגעהילטע אין שווארצער קרעפּ. איך האב אים באגריסט, געבעדט סתם ווערטער אין דער וועלט אריין און ער האט זיך דערביי איינגעהויקערט און פלוצלינג מיט א צעבראכן קול זיך ביי מיר געבעטן:

— זאג מיר א גוט ווארט!

פרעג איך אים, מיין יוגנט-חבר:

— קאנסטו נישט מאכן דיר דא אן אוונטל ביי א גלעזל טיי און אריינכאפן דערפאר ניט איין גוט ווארט, נאר טאקע אסך גוטע ווערטער, ס'זאל דיר סטאיען אויף א גאנץ גייענדיק יאר? ערשט נעכטן האב איך זיך געמאכט א געזעגן-אוונט אין האטעל. סזענען געקומען מער מענטשן, ווי צו דער הזכרה. ווו ביסטו געווען? איך האב דאך דיך אויך געלאדן. יעדער האט געזונגען שירה פאר מיר. די נשמה אין מיר האט זיך צעבלאזן, ווי א באלאן, נאר צום פּלאצן פאר פרייד. איך האב מיטגענומען מיין טייפּ-רעקארדער, כדי מיינע באנקאנטע אין אמעריקע זאלן אויך הערן, ווער איך בין. דארט זאגט מען מיר גארנישט. דארט בין איך אפילו קיין עושר ניט ביי זיי.

מיין יוגנט-חבר, דער שרייבער, האט איינגעדרייט זיין גוף, ווי א שנעק אין פאנצער און א צעטומלטער גענומען שטאמלען:

— 30 יאר שרייב איך — מיין אייגן לעבן איז לעבערדיק, ווי א באלעבאטישער דורכשלאג — — מיין לעבנסוועג?

ווי דער ווינט זאל מיך תמיד טרייבן פון רוקן. איך געדענק ניט קיין סך דאטעס, ווען סזאל האבן אויסגעפאלן יום־טוב אין מיין נשמה. איך פלעג פיבערן ביים שרייבן — — דערנאך שטיין פאר מיין ווערק, ווי א פרעמדער, און זוכן אין אים דעם אמת — — האב איך ניט געשריבן קיין ליגן? וואס מער מיאוסקייט, וואס מער רשעות, וואס מער פארקרומטקייט מיך אליין האט געטראפן, דעסטא מער האב איך געוואלט זען שיינקייט און ערעלכקייט אין מיין ווערק. איך האב, מיינסטו, מיך געוואלט טרייסטן? אפשר אי יא. אבער אויך מיינע לייענער האבן זיכער געהאט הנאה דערפון. ווייל איך האב זיי ניט געפאלמעסט, גיכער זיי געפוצט אין פעדערן... נעכט ניט דערשלאפן, טעג ניט דערעסן — — — געפארמט די ווילדע נאטור פונם מענטש, אויסגעהאקט ווי פון שטיינער שטיקער לעבן — — — 30 יאר שטיי איך פאר מיינע געשאַ־פענע געצן און בעט זיי: זאגט מיר א גוט ווארט! און זיי שווייגן. געלט, ווי דו, האב איך נישט, כוח שוין אויך ניט. אפגעארבעט א לעבן פאר מענטשן — — — און היינט זיץ איך, ווי דער אלטער, בלינדער בעטלער אויף דער גאס און בעטל: זאגט מיר א גוט ווארט! בענטשט מיך!

איך בין אריינגעקומען צו אים דעם גרויסן שרייבער זיך געזעגענען, ווייל איך פאר שוין צוריק קיין אמעריקע. מיט יעדן ווארט, וואס ער האט ארויסגעווארפן פון זיך, איז ער אין מיינע אויגן געווארן איינגעשרימפענער, נעבעכדיקער, ביז איך האב געזען אויף זיין שרייבטיש נאר זיינע פינטעלעך אויף פאפיר, אבער אים נישט מער.

בין איך טרויריק געווארן, אנגעטון מיין קעפעלע, צוגע־דעקט מיט ביידע הענט מיינע אויגן, צעהוידעט זיך און געזאגט צו דעם פינטעלע:

— יתגדל ויתקדש... געגרויסט און געהייליקט זאל ווערן דער אויבערשטער, וואס גיט איינעם כוח און געלט און ביים

צווייטן נעמט ער אוועק דעם שכל, ווייל ער האט נישט די צוויי טייערע זאכן. דער שרייבער האט אלע אומזיסט געבענטשט, האט מען אים דערפאר געשאלטן אדער נישט דערזען. געגרויסט און געהייליקט זאלן ווערן וויינקסטנס זיינע פינטעלעך אויף פאפיר, וואס וועלן בלייבן נאך אים.

ביינאכט האט זיך מיר געחלומט, אז איך קאנדידיר אויף קענעדים פאסטן. צומארגנס בין איך אוועקגעפארן מיט מיין טייפרעקארדער, כדי אין אמעריקע זיך און מיינע באקאנטע צו דערמאנען, ווער איך בין.

ג. פייערלעשער

1. פייערלעשער 85
2. זינד און שטראָף 88
3. נאסטריפיקאנט נומער 1001 93
4. איגנאץ מיטן פערד 96
5. קינדער־היים 98
6. קענימעד 102
7. דענקע פון דענקער־לאנד 104
8 בר־מצווה 111
9. א חתונה 114
10. די אייזענרנע קוגל 116
11. גליק, ווו ביסטו ? 119
12. המן און וויזשא 121
13. א גאסט 124
14. גיין אדער לאכן 126
15. א גאנץ פיינער יונג מיט ביינער 128
15. האָבי 128
16. געבליבן אָן פליגל 132
17. ליבע אונטער אַ שטיין 135

פייערלעשער

משה רוזשע איז מיט זיין משפחה אריבערגעאנגען אין א סוף־חודישדיקער נאכט די פוילישע גרענעץ, געלאזט זיך פירן פון די בריחה־לייט פון לאנד צו לאנד און אנגעקומען אין די הייסע טעג קיין חיפה. דא האט ער געשיקט זיין זון און טאכ־טער אין דער „הגנה" קעגן די ארמייען פון ארום און אליין איז אים געפעלן געווארן דער פארט. האט מען אים דא געגעבן ארבעט אלס טרעגער. נאך א געוויסער צייט האט ער געבעטן מען זאל אים אנשרייבן א בריוו צו ליפע, ליפינסקי, ווייל ער האט אים צוגעזאגט צו שרייבן.

שרייבט — האט ער געזאגט צום שכן — אז איך פארדין דא אויף 20 קילא ברויט א טאג. אויף איין קעסטל זיצן מיר, אויפן צווייטן עסן מיר און אויף דער ערד שלאפן מיר, ווייל סאיז היים. צום ברויט האבן מיר דא פירות גאנצע זעק, וואס מיר קלויבן אן אין די פארלאזטע גערטנער. שרייבט, אז סאיז מחיהדיק צו לעבן צווישן יידן.

ווען ליפע ליפינסקי האט באקומען אזא בריוו, האט ער אים ארומגעטראגן און חוזק־געמאכט פאר אלע פון דעם לוקסוס און פון דעם גליק, וואס משה רוזשע האט געכאפט.

אזוי זעען אוים משטיינסגעזאגט די צדיקים — האט ער זיך געחכמעט — און אזוי זעט אוים זייער גן־עדן אין הייליקן לאנד. דא האט ער געשלעפט א וועגעלע, ווי א פערד און דארט טראגט ער זעק, ווי אן עזל. אזוווי איך בין נישט דאס און נישט יענץ, מוז איך האבן מיין פערטעלע בראנפן, מיין

האלבע הין און א גאנצע וועלט אויף צו שלאגן מיט איר כפרות.

מאכט זיך און ליפע פארט אין דער באן. לעצטנס איז ער שטארק פארטון מיט פארקויפן יידישע הייזער, וואס זענען געבליבן אן טאטע־מאמע. זיצט ער אזוי צווישן גויים און שווייגט, כדי מען זאל אים נישט דערקענען. עפעס איינזיצן שטיל איז אבער שווער, האט ער געררייכערט איין ציגארעט נאכן צווייטן.

רופט זיך איינער אן צו אלע: אין משך פון א קארגער שעה האט דער מענטש פאררייכערט אזויפיל געלט, וויפל איך פארדין נישט פאר א גאנצן טאג ארבעט.

האבן אלע אין קופע ווי אויפגעוועקט זיך פון שלאף און יעדער האט גענומען צוגעבן שטעכווערטלעך אויף דעם קאנטא. ליפע האט נישט אויסגעהאלטן און גענומען רעדן:

— ווערענס באבעם עסק־טשי אינטערעס באבסקי, וואס איך רייכער? יא יעסטעם וואס וויעלקי וו'אטשאך? איך בין אייך גרוים אין די אויגן? אויב סגעפעלט אייך נישט, קוקט נישט.

האט שוין אויפגעקאכט דער גאנצער עולם און א פינצטערער וואלקן איז געווארן וואסאמאל געדיכטער אין דער לופט. א יונגע פוילישע פרוי האט מיט א געצערטלט קול געקליבן יעדעס ווארט: מען האט זיי געברענט און געבראטן און נאך אלעמען זענען זיי דא. מען קען גארנישט פטור ווערן פון זיי... צא זא חוצפא!

— זשידזיע דא פאלעסטינע! — האט איינער אין א מונדיר מיט אדלערם אין די קנעפ א שריי־געטון. מיט כעס האט אים ליפע געענטפערט: פאר מיר איז דא פאלעסטינע! אויב סגעפעלט אייך נישט, גייט אייך צו היטלערן!

עס האט גענומען דונערן און בליצן אין וואגאן און א האגל מיט ווערטער האט זיך געשיט אויף ליפעס קאפ. איינער

האט אין גייענדיקן צוג אויפגעמאכט די טיר און א קנויל פון קולות און הענט האט ארויסגעשטופּט ליפען אין דער לופט אריין.

א פולישער פויער האט אים צומארגנס געפונען אויף זיין פעלד און אים אפגעפירט אין שפיטאל. ווען ער איז צו זיך געקומען, האט ער באריכט דעם גיפס אויף זיינע פיס ווי עפעס טייערס און ליבס. אין שפיטאל האט מען אים כמעט ווי געטראגן אויף די הענט און ער האט צעגאסן זיך פאר פרייד און מיט לויב פאר אלע, וואס האבן אים געהאלפן און געטרייסט. אין קראנקען־זאל האט יעדער, צוגעבונען צום בעט, דערציילט שרעקלעכע מעשיות, וואס האבן מיט אים זיך פארלאפן אין לעבן. יעדער האט געטייטשט יענעמס אומגליק אויף זיין אופן. איינער האט געזאגט, אז ס'איז א מזל־זאך, דער צווייטער, אז ס'איז א גאטס־זאך און נישט איינער האט געמיינט, אז ס'איז א שכל־זאך. ליפע האט געהערט און געשוויגן. ביז איינמאל, ווען די לאמפן אין שפיטאל זענען שוין אויסגעלאשן געווארן, האט ליפע גענומען רעדן צו זיין שכן:

— איין מענטש האט פיינט דעם צווייטן. אזוי איז עס שוין. אבער איך פלעג צוגיסן נאפט און סמאלע, פעך און שוועבל און די קליינע שנאה פלעג זיך צעפלאקערן צו א העליש פייער און פון דעם האב איך שטארק הנאה געהאט. ווען איך האב זיך צוגעהערט צו אייערע רייד, האב איך זיך דערמאנט אין מיינעם א באקאנטן. וואס זאל איך אייך זאגן? ער איז געווען א מענטש, וואס האט נישט געקענט פיינט האבן. און איך פלעג חוזק מאכן פון אים און אים אנגעטון צרות. אצינד איז מיר איינגעפאלן, אז אלץ וואס איז מיט מיר געשען, איז א שטראף פון גאט. מען האט געזאגט ביי אונז, אז ער איז א לאמעד־וואווניק און איך האב פון אים געשפאט. מארגן מוז איך אנשרייבן א בריוו צו אים, מיין ענטפער אויף זיין בריוו פון ישראל. הלוואי זאל איך נאר

קענען שטעלן זיך אויף מיינע פיס, וועל איך צופים גיין צו אים אין זיין פארט און זאגן צו אים: זיי מיר מוחל, מושה רוזשע! מיינע פעסלעך מיט ברענשטאף זענען צעבראכן געווארן צוזאמען מיט מיינע פיס. אצינד אין ישראל וועל איך זיין א פייערלעשער. אפילו די שנאה איבעראל וועל איך לעשן. זיי מיר נאר מוחל, מושה רוזשע!

זינד און שטראף

פון לעבן האט ליפע געלערנט איין דעוויז. ער פלעג אים ניט נאר רעאליזירן, נאר אויך אפט מיט ביטערניש דעקלאמירן: איך האב פון מענטשן ניט געהאט קיין טובות, דערוואַרט זיי אויך נישט פון מיר. ווי א ווילדע חיה, האט ער דערפילט די שטארקע צי שוואכע זייטן פון קרבן און שוין געוווסט, ווי אויסצונוצן אים פאר זיין לייב און לעבן. פסיכאלאגן נעמען לעקציעס, שטודירן און קענען אסך ווערטער. ליפע אבער איז געווען דער אמתער פסיכאלאג. תמיד פלעגט ער זאגן מיט א לאכנדיקן קנייטש ארום די אויגן, וואס זענען ביי אים קיינמאל ניט איינגעשטאנען אויף איין ארט: איך היים ליפע, דו הייסט אהרון — — — לאמיר זיךביידע נישט נארן. און נאך אלעמען האט ער תמיד דעם צווייטן גענארט.

אלע פרנסות האט ער שוין געהאט. ער איז געווען א בעקער, א שוסטער און א קוישער און דאך איז ער קיינמאל ניט געווען קיין עושר. שכנים האבן אויף אים געזאגט מיט חוזק: ליפע איז א שפארער. א שפארער איז בעסער פון א פארדינער. אוודאי: ער האט פארשפארט צו ארבעטן און געשפארט אויף יענעמס כוח.

אז ליפע האט א ווייב, וואס הייסט חיה מיט איין יוד, אבער עטלעכע קינדערלעך, קיינעהארע, וועט זיכער נישט זיין

פאר אייך קיין סענזאציע. וואס? איר ווילט אוים ליפען מאכן אפשר א פאלקסהעלד? אפשר א נייע מאדע מענטש? ווייל קאנסערוואטיווע שניידערס האבן א ווערטל: ווו א צרה, דארט א מאדע. בארויק איך אייך: אזוינע ליפעס פארמאגן אלע פעלקער און נישטא מיט וועמען זיך צו בארימען. שעמען זיך מיט אים, איז אפשר יא א מצוה. דאס קאן זיין א סגולה, אז אייערע קינדער און קינדס-קינדער זאלן נישט ווערן ענלעך זיין צו אים.

טרעפט זיך א מעשה: ביי ליפען איז קראנק געווארן א קינד. ער ווייסט אפילו, אז ס'איז פון די „ציינדלעך". אויף דעם גיבן די דאקטוירים גארנישט. איז געזונטער דאס קינד זאל קראנק זיין אן דאקטוירים און אן אומזיסט ארויסגעווא־רפן געלט. ווייל וואס טוט דען דער דאקטאר? ער גיט א טאפ, א שרייב און הייסט זיך באצאלן דערפאר. אבער ווען דאס קינד האט אין דער נאכט אנגעהויבן שווער צו אטעמען, געפאכעט מיט דער נשמה און זיין ווייב חיה האט געוויינט איז ער ארויס זוכן א דאקטאר, וועלכן ער האט ביז איצט נאך נישט, ווי ער זאגט, געהאצקעט.

ליפע האט א פעסטן קלינג געטון און באלד האט ער דערזען א פארשלאפענעם, צעשויבערטן, מידן מענטש פאר זיך. ליפע האט מיט א תקיפישן טאן א ברום געגעבן: איך בין געקומען נעמען אייך צו מיין קינד. דחוף! נישטא קיין צייט צוווארטן. איך האב געמיינט „ציינדלעך". איבריגנס: איר וועט שוין זען!

די נאכט איז געווען אין א גלותדיקן דעצעמבער. צו דעם בילד, וואס איר געדענקט אדער איר זעט עס אויף בילדער פון גרויסע מאלערס, מוז איך נאר צוגעבן, אז בייטאג איז געווען א זון, דער שניי איז זיך צעגאנגען און ביינאכט האט גענומען א פראסט. דער וועג איז געווען ווי מיט גלאז באדעקט. אויף אזא גליטשיקן וועג צו גיין איז ווי אויף א

שטריק אין צירק. סטאטיסטיש ברעכט מען טאקע אין דער צייט אסך הענט און פיס.

דער שאפער האט זיך מיטן אויטא געגליטשט, געשאלטן אויף פויליש די הייליקע מאמע און ענדלעך זענען מיר דער־פארן. דאס קינד איז געווען שטארק קראנק. א פיצעלע פון 2 חדשים מיט א לונגען־אנצינדונג, מיט אן איינגעבוירענעם הארץ־פעלער, מיט עסן, וואס איז גלייך צום פאסטן. דער טאפ און שרייב איז זיכער ניט געווען גענוג, כדי צו העלפן דעם עופהלע ארויסצובאקומען זיך דאס צווייטע מאל אויף דער, אויב איר ווילט, ליכטיקער וועלט. איך האב געהאט א שווערע רעזשי, מיט איבערשטעלן די דעקאראציע, מיט איבערבויען די עדוקאציע, מיט פארענטפערן קלאץ־קשיות.

ענדלעך האט ליפע פארמאכט די טיר אונטער מיר און איך בין אראפגעגענגען פון 4 טן שטאק אויף אלטע, הילצערנע פארדרייטע טרעפ, וואס האבן געטון יעדן קרעכץ, ווי דאס קינד נעבעך.

אויף דער גאס האב איך א לאנגען קרעכץ געטון: דער שאפער איז נישטא! דאס אויטא איז אוועק!

האט נישט קיין רחמנות אויף מיר. און אז מען גייט לאנגזאם אויפן גלאז, וואס ברעכט זיך, שטעכט דיך, קומען אויף געדאנקען וועגן זינד און שטראף, וואס איז ענלעך צום בלישטש פון פארפרוירענעם וואסער און געפערלעך סכנת־נפשות. וועגן זינד לאמיר בעסער ניט רעדן: וואס ס'איז ביי איינעם א מצוה, איז ביים צווייטן א זינד. אבער פון שטראף פון מענטשלעכע הענט זאל מען אפגעהיט ווערן. עמעצער האט שוין געהערט פון אן ערלעכן ווערדיקט פון מענטשלעכע שופטים? אלע פראצעסן טוען ווייי און ענדיקן זיך, אפילו נאך צענער, הונדערטער, טויזנטער יארן מיט רעהאביליטאציע: מע האט זיך טועה־געווען! ס'גארניש! סאקראטעס האט קאליעגעמאכט די יוגנט, נאר ס'איז א ליגן.

ישו האט קאליעגעמאכט די ייִדן, נאָר ס׳איז אַ ליגן. דרייפוס האט קאליעגעמאכט די פראַנצויזן, נאָר סאיז אַ ליגן. דאָקטוירים האבן קאליעגעמאכט די סאוויעטן, נאָר סאיז אַ ליגן. דערפאַר האב איך געשוויגן, ווען צומאָרגנס האט דער שאָפער מיר דערציילט, אַז דער העלד ליפע האט אים תיכף באַצאָלט נאָר פאַרן צופאַרן צום הויז און געהייסן אים תיכף אַוועקפאָרן.

סאיז טאַקע שווער צו געדענקען, אָבער דערמאָנט זיך: דאָס איז דער זעלבער ליפע, וואס האט אַמאָל געשוואוירן, אַז ער וועט גיין צופוס קיין ישראל צו משה רוזשע און דאָ וועט ער אַ פייערלעשער ווערן. יאָרן לאַנג האט ער זיך פאַרע־טפערט. ער גייט נישט קיין ישראל דערוואַייל, ווייל ער דאַרף נאָך אָפּנעמען אַ ירושה, ווייל דאָס הינער־פליייש אין ישראל איז זיס, ווייל סאיז נישטאָ דאָרט קיין קאָרן־ברויט, ווייל מע זאָגט, אַז די מענטשן פון אַמאָל עסן אויף די נייגעקומענע און אַז פון יעדן שמעק טאַבאַק נעמט מען דאָ שטייערן.

געגאַנגען איז ער טאַקע ניט, נאָר געפלויגן. מיטן אַראָ־פּלאַן. דעם „ליפּט" האט ער צוביסלעך פאַרקויפט, געגעסן די כשרגעמאַכטע הינדלעך אָבער קיין פייערלעשער איז ער ניט געוואָרן. דאָ איז עס אַ צו פּאָפּולער פאַך: מען דאַרף עס ניט שטודירן, זעלטן ווען דאַרף מען עפעס טון, אָבער פּרנסה האט מען דערפון שוואַך. ווו ער איז געקומען, האט ער געטראָפן באַקאַנטע פּוסטע־פּאַסניקעס, ליגנערס און באַרימערס אַלס פייערלעשערס. אַזוינע פאַרטראַגט ער נישט און מיט אַזוינע קאָן ער נישט לעבן בשלום. כמעט 10 יאָר איז ער געווען אַ „פּסיכאָלאָג": ער האט נישט געאַרבעט, געשאָלטן די ערד, די מענטשן, דאָס עסן, דעם קלימאַט, און אַרומגעגאַנגען מיט די נייעסטע וויצן קעגן מלכות. און ער האט דאָך אַזוי שיין אַמאָל געזאָגט: אפילו די שנאה וועל איך לעשן!

פאַר עטלעכע טעג בין איך געגאַנגען צום אויטאָבוס, כדי

צו פארן צו דער ארבעט. אויפן מיגרש פאר דער „תחנה מר־כזית" האב איך געזען א גרופע דחף־ארבעטער מיט טוריעס, וואס ריינקן דאס ווילדגראז, די שטעכלינקעס, דאס אנגעוואר־פענע מיסט. און צווישן זיי אונדזער ליפע אין דעם גאבאר־דין־מאנטל, מיט א טוריע און אויפן קאפ א טעמבל־הוט, כדי צו פארשטעלן זיינע אויגן, וואס שטייען נישט איין אויף איין ארט.

איך האב אים געזען, ער מיך, ווי מע זעט עפעס דורכן פענצטער פון א גייענדיקן צוג.ביידע האבן מיר געשוויגן. קיינער האט נישט אפגעשטעלט זיך. כהאב געהאט דאס געפיל, אז עפעס דרייט זיך די ערד אסך בעסער ווי ביז איצט, פונקט ווי למשל די וואש־מאשין ארבעט רויקער און שנעלער, נאכדעם ווי מען האט פארשרויפט א שרייפל דארט וווּ מען דארף.

אין דער דממה דקה האט עס געברומט אין מיר, ווי אין א טיפן ים: די וועלט מוז פארמאגן א גלייכגעוויכט, אנישט וואלט זי שוין לאנג זיך געמוזט איבערקערן. דאס יידישע פאלק האט געמוזט אומקערן זיך אין זיין לאנד, כדי סזאל מתקן ווערן דער הפקר פון ערד און פאלק. ליפע רייניקט דאס ווילדגראז און זיך. זיינע קינדער, איינגעווארצלטע אין לאנד, שפראך, אינטערעסן וועלן אויפהערן חוזק צו מאכן פון זיך, וועלן מער נישט פרעגן, ווי זייער פאטער: ווער איז א ייד און פעלקער וועלן קומען צו אונדז, נישט באוווּנדערן אונדז, ווי דאס ביבל־פאלק, נייערט ווי גוטע באלעבאטים אין זייער אייגענער היים.

אויב דאס איז א שטראף פאר ליפע, דארף ער זי כאפן מיט תשיעת־חן.

נאסטריפיקאנט נומער 1001

ליפע לעדער האט שטודירט אין בערלין און איצט איז ער אין ווארשע נאסטריפיקאנט נומער 1001. אלץ לאזט זיך איבער־מאכן, אפילו עקזאמענס. ספרעגט זיך נאר: צוליב וואס? ווייל ציין בליבן ציין און בייסן גלייך און פוילן גלייך, צי זיי זענען נארדישע צי ענדעקישע. איינמאל האט ליפע לעדער געענטפערט דעם כלומרשט נאיוון ווארשעווער אסיסטענט אויף דער שאלה: צוליב וואס האט איר געלערנט אין אויס־לאנד? ווייל... ווייל דארט שטייט די וויסנשאפט העכער.

איז בכן ליפע גארנישט שולדיק. ער קייעט פויליש שטרוי און האט אונטערן לעפעלע תמיד א געפיל פון איינעם, וואס האט ניט דערעסן. פון דער היים אוים איז ער ארעם. איזן איז ער אבער די דערנטיסטישע קרוין פון דער משפחה.

געוווינט האט ער אין אקאדעמישן הויז א צייט לאנג אלס „וואלעט". דערנאך האט ער אונטערגעשריבן א פאפיר, אז ער וועט האבן, וועט ער אפגעבן דאס דירה־געלט. דאסמאל אבער קאן מען רעדן פון גליק: א שטוב האט ער טאקע א שותפתע, אבער באלעבאטים, אז אזוינס טרעפט מען זעלטן אין יידישן ווארשע! פריינטלעכע מענטשן זענען זיי און טיילן זיך ממש מיטן ביסן. עסט ער אפט ביי זיי מיטאג. ווייל פיש איז נישט קיין מאנגל. אזויפיל בלייבט אים, דעם בעל־הבית נאך תמיד פון דעם טאג־פארקויף.

ליפע איז אויך צו זיי זייער פריינדלעך. דערפאר איז מען צו אים נאך פריינדלעכער. נישט קיין וווּנדער: אזא מענטש ווי אים מוז מען ליב האבן. ווייל הענט האט ער גילדענע און

א מוח אן אייזערנעם און רייד שיטן זיך אים, ווי פערל. אי, וואס ער אליין איז ארעם?

די טאכטע פונם בעל־הבית איז זייער שיין אנטוויקלט. זי זוכט נישט, זאגט זי, צו כאפן א מאן. זי פארשטייט, וואס ס׳הייסט ליבע. ליבע און חתונה־האבן זענען, ווי באוווסט, צוויי זאכן. ליפע האט פאר פרייד נישט געקאנט אנטשלאפן ווערן אין דער דאזיקער נאכט.

— היי, יוכנעם! האט ער א צי געטון, ווי תמיד, דאס וואלגא־ליד און א שפיי געטון אין די הענט. די טאכטער דער־לאנגט אים צום טיש דאס עסן. ער איז גרויסשטעטיש און דאנקט און שמייכלט. די מוטער שטייט ביי דער טיר פון דער קיך און קווועלט אן. זי הערט זיך צו. ער וועט, זאגט ער צו מאריסיען, שוין בקיצור ווערן אן אמתער דאקטאר און הענט, זאגט ער, האט ער גילדענע און די פראפעסארן לעקן פון אים די פינגער. ער רעדט דער טאכטער איין א סוד: זיי מעגן, די היגע פראפעסארן, זיין זיינע שטיוול־פוצערס, מעגן זיי. און די מוטער איז שוין שטארק נייגיריק צו וויסן, וויאזוי האט ער זיך דערקלערט איר טאכטער וועגן זיין ליבע.

דער פאטער טוט לעצטנס איבער די אויסגענעצטע בגדים, ווען ער קומט אהיים פון פיש־מארק. ביי דער וועטשערע זאגט ער צו דער מאמעס רייד: אוודאי! נו און אזא באשיי־דענער יונגערמאן: ער דארף גארנישט און קאן גאנץ גוט לעבן מיט גארנישט.

פאננא מאריסיא איז אריינגעקומען, ווי תמיד, פרעגן וויפל דער זייגער איז איצט. וויצלט ער זיך גייסטרייך: פונקט ווי נעכטן אין דער צייט. זי לאזט אראפ די אויגן. ער דערקענט זי נישט, זאגט ער. וואסזשע, זי שעמט זיך? דאס דווקא נישט, זאגט זי. זי האט שוין אכצן... היי, יוכנעם! נעמט ער זיין ליבלינגסליד זינגען. זי זינגט מיט. אין מיטן ליד קומט צו רייד וועגן לידער. זי האט ליידשאפטלעך ליב טוביםס

לידער. שמאנצעס, זאגט ער. נאך די עקזאמענס נעמט ער זיך אויך צום שרייבן. דאס שענסטע ליד איז שוין איינגעטלעך אנגעשריבן: דאס איז פאננא מאריסיא. זי איז אין הימל. ער אויך. און דער זייגער איז תמיד פונקט, ווי נעכטן אין דער צייט. אזוי שוין צוויי חדשים.

פאר א פאר טעג איז אריינגעקומען צו ליפען די בעל־הביתטע אליין פרעגן, ווי שפעט ס'איז. א ווארט צו א ווארט און ס'איז געווארן א זאגעכטס.

— וויפל איז דער שיר, אזוי — א? ליבע איז טאקע זייער שיין... אבער מיר באטרכטן אייך דאך ווי אונדזער אייגן קינד!

— אייער קינד?

— וואדען? אומזיסט געפרעסן? און מאריסיען אומגלי־קלעך געמאכט, פארדרייט איר דעם קאפ...! די טאכטער איז אויך אריינגעקומען און געזאגט דאס זעלבע. מיט א טאן העכער. מע האט איבערהויבט גערעדט העכער ווי תמיד.

ליפע האט נישט געהאט קיין צייט לאנג צו קלערן: מורא פאר א סקאנדאל האט ער, אלט איז ער, א ווייב דארף ער און דירה געלט איז ביי גאט. האט ער זיך אנגעבויגן און א קוש געטון די מוטער אין האנט:

— מוטער!

און פאננא מאריסיא האט צוגעבויגן זיך צו זיין פערלדיקן מויל:

— חתן מיינער!

אין אן אויפדערנאכט זענען געקומען אלע קרובים. מען האט געגעסן פלאקעס און קיעלבאסע מיט קרויט, ווי די בעסערע מענטשן און געטרונקען אסך בראנפן און געווונטשן חתן־כלה אסך גליק. יעדער איינער אן אנדער מין גליק. ליפע איז געווארן מלא. ער האט געמורמלט: גוט איז ביי א

חזיר א האר... און אזוי איז ער טויט־שיכור אנידערגעפאלן אויפן בעט.

אינדערפרי איז ער אויפגעשטאנען ניכטער. ביים הארץ איז אים געווען קאלעמוטנע. ער האט זיך שנעל איינגעפאקט און אוועק צו זיין חבר נומער 1002 און אז ער האט אים דערציילט אזוי און אזוי, אזוי און אזוי האט ער טרויריק א פרעג געטון:

— וואס טוט מען איצט?

איגנאץ מיטן פערד

— ר׳ איגנאץ! מיר זענען געקומען קויפן אייער פערד!

ער האט אנגעשפארט זיין ברייטן גוף אויף דעם לאנגן, הילצערנעם טיש, וואס נאר ביי די זוימען נאך איז געווען צו זען פרישע ווייסקייט פון די אפגעשניצטע שטיקלעך האלץ צו די נעגל. ער האט גוט אונז אנגעקוקט און געזאגט:

— וואס אי? ס׳מאנט מיך דען עסן?

— ר׳ איגנאץ! מיר צאלן א גוטן פרייז. לאזט אונדז כאטש אנקוקן אייער פערד!

— ס׳שטייט אויפן בוידעם. מיין יידענע וועט אייך פאר־שטעלן פאר אים. קריכט ארויף מיט דער לייטער נאר גיט אכטונג, אז איר זאלט נישט צעברעכן אייערע קעפעלעך.

— קומט אויך! מיר וועלן אייך מאכן א בילד מיטן פערד.

— פורים! שוין נישט לאנג צו ווארטן! דעמולט בין איך אויפן פערד און אלע פירן מיך ארום בכבוד גדול איבער דער שטאט. דעמולט איז אוים טרעגער־יונג, צוריק מלך! א גאנץ יאר בין איך ביי זיי אלץ אין דער קארט און זיי די צדיקים

אין פעלץ. אבער אין פורים לאזט זיך אויס, אז דער צדיק בין איך און דאס אלץ נאר צוליב מיין געליבט פערדל.

מיט אזוינע פאר פסוקים האט זיך אנגעהויבן דער האנדל מיט איגנאצעס פערד. זיין יידענע, א נידריקע, קרעמפע, מיט א פאטשיילע פארקניפט אונטער דעם ליידיקן פיסקעלע, האט שטייענדיק אין ווינקל זיך צוגעהערט צו די דיבורים. זי קען איר מאן, דעם עקשן. אבער ס'א שאד די פאר גילדן, וואס מען ברענגט אריין אין שטוב דאס ערשטע מאל אין לעבן ממש פאר גארנישט. אויך מיר א פערד! אפילו קיין היי אין סידור דארף עם נישט. א שטיק האלץ מיט פיאות, נישט מער. ווען נישט דער בראנפן אין איגנאץ'ם מאגן, וואלט דאס פערדל זיינס אפילו אין פורים נישט געשפרינגען. אזוי האט זי זיך געטראכט און גענומען רעדן עפעס אנדערשט:

— וויסטו וואס, איגנאץ? לאמיך דיר ארויסגעבן דיינע מלכותדיקע בגדים פון קופערט און אזא בילד, דו מיטן פערד און מיט מיר, וועט זיין א שיינע מתנה פאר אונזערע קינדער אין אמעריקע. וואס מיינסטו, אז נישט?

— לאמיך געמאך! ס'איז נישט דיין עסק און נישט דיין סום! עפעס קעלבט זיך ביי מיר מיט פערד?

— אויב דו רעדסט שוין וועגן קעלבן, וויל איך דיר זאגן, אז דו טויגסט נאך צו מאכן א פערד. דו הערסט דאך, מען גיט געלט דערפאר. מען וויל דאך נישט אומזיסט. מיט אזוינע פערד־הענדלער האסטו נאך נישט געהאט צו טון. כ'וועל דיר ברענגען פונם זארינעק א גאנצע קאלאדע, וועסט צולייגן דיינע צוויי ידים, קיין עין־הרע זאל זיי נישט טרעפן און ס'וועט ארויס א פערד, ווי אין דער מגילה שטייט.

טאקע ווייבערישע רייד, האט זיך געטראכט איגנאץ, אבער אמאל האט זי אויך רעכט.

— צוריקגערעדט: צו וואס דארפט איר צו אלדע רוחות מיין פערד?

— פארן בית־המיקדש!
— וואס פארא בית־המיקדש? אין ירושלים?
— יא! ירושלים ד׳ליטע. פארן! „ייוו׳א״ הייסט עס.
— פארדרייט מיר נישט דעם ספאדעק! איר קענט דאך אפילו נישט די פערד־שפראך! צו פערד, אז איר וועט א יעכץ טון: וויא, וועט עס נאך הולכן, אבער ייווא, מיט וואס עסט מען דאס? אפשר וועט איר מיר מוחל זיין: כ׳האב שוין געזען פערד, אבער אזוינע נאך נישט געטראפן. נעמט אייך דעם העלד מיינעם! אפשר וועט איר פון אים לערנען שכל. וואס טויגן די פוסטע רייד? גיט געלט און גייט אייך לחיים ולשלום!

קינדער־היים

איך האב זיך איבערגעוועקט, אויסגעווישט די טרערן און געפילט, ווי אלע אברים מיינע געהערן ניט צו מיר און איך האב קיין שליטה נישט אויף זיי. איך בין געלעגן אויף א פארזשאווערט, צעבראכן בעט אין א ווינקל פון א גרויסן, פוסטן זאל. אין א צווייטן ווינקל איז געשטאנען א הויכער בלעכערנער קעסל־אויוון, וואס האט נישט געלויכטן און נישט געוואַרעמט אין די קאלטע ווינטער־נעכט. כהאב אנגעצינדן איינס פון די פארביקע חנוכה־ליכטלעך. דער פארשטויבטער הויפן פון רויע בוימוואל־קעפלעך האט א גראען בלישטשעטון אין דריטן עק.

אונטער דער טיר האבן זיך געהערט מיידלשע, שטיפערישע שושקערייען. איינע האט, ניט אויפמאכנדיק די אפענע טיר, ליצניש א זאג־געטון:

— הערט־נאר! מע רופט אייך צום טעלעפאן;

איך האב קוים צוזאמענגענומען מיינע אברים, ארייננגע־

שטופּט די פּיס אין די שטיוול און געטאַפּט די פינסטערע גענג פון פוסטן הויז און דערנאָך דעם וועג איבערן פאַרבלאָ־טיקטן הויף.

אין וואַרעמען, מיט מאַכאָרקע אָנגערויכערטן דיזשור־צימער האָבן פאַרשלאָפענע אויגן פון שוועסטער און געהילפס־פּערזאָנאַל, וואָס זענען געלעגן אויף טישן און בענק, ווי פּאַראַיבל גענומען וואָס איך קריך זיי אויפן קאָפּ. כהאָב הייזעריק א זאָג געטון אין טעלעפאָן אַריין: איך הער!

— איר שלאָפט עס גאָר? געפונען פאַר זיך א פּאַלאַץ און שלאָפט! ווער האָט עס אייך דערלויבט? ווי האָט איר עס געלערנט, אַז א דאָקטאָר מעג שלאָפן אין דער נאַכט? איר מיינט, אַז דאָ איז א קינדער־היים...?

אַצינד האָב איך זיך דערמאָגט אין מיין חלום. נאָך די נאַכטיקע טרערן בין איך געשטאַנען א געריייניקטער פאַר דער וואַנט, אויף וועלכער סהאָט פון א בילד עקלדיק געשמיי־כלט סטאַלין און איך האָב ווי צו אים געזאָגט:

— איר נעמט צו פאַר זיך די זייף און די וועש פון די קינדער און דער דאָקטאָר. דאַרף אויפכאַפּן מיט זיינע הענט אייערע לייז. איר פירט די קוילן אהיים צו זיך און דער הייצער איז שולדיק, וואָס סאיז קאַלט. איר ווילט אייער לאַגער־עטיק אויך אין שפּיטאָל? ווו האָט איר געלערנט, אַז א דאָקטאָר טאָר נישט האָבן קיין צימער, קיין בעט, קיין טיש, קיין ליכט און אביסל וואַרעמקייט אפילו פון א הייס גלעזל טיי?

פון יענער זייט טעלעפאָן האָט א ווינד יאָמערלעך ווי א שאַקאַל געוויעט און אין דעם געיאָמער האָב איך דערהערט א בייזן זאָג:

— איך וועל אייך שיקן אונדזער פּאָליטישן דירעקטאָר, וועט איר זיך מיט אים אויסטעהנען...

.2

עטלעכע טעג שפעטער האבן אין גראען מארגן אריין ווידער ליצניש געשושקעט זיך מיידלשע קולות אונטער דער טיר פון מיין פוסטן פאלאץ. די טיר האט זיך געעפנט און א רויט־באהיטלטער מאן מיט א שווארצער גומי־פעלערינע און מיט סטאלינס שמייכעלע אונטער דעם וואנס האט מיר אין בעט אריין דערלאנגט א ראזע דרוקל און געהייסן מיר קומען אין דער פראקוראטור.

דער פראקוראר האט געמאכט א פריינטלעכע מינע און געבלעטערט אין א פעקל אקטן. איך האב געשוויגן. האט ער גענומען זיך פרעגן:

— סאיז אמת, אז פאריארן האט איר געארבעט אין קינדער־היים? דארט זענען קראנק געווארן 12 קינדער אויף פלעק־טיפוס — — —

— יא! איך האב תיכף דערקענט דעם ערשטן פאל פון טיפוס, איזאלירט אים, אלארמירט דאס שפיטאל, אבער מען האט נישט געוואלט אננעמען, געהייסן מיר אים היילן, „איר זייט דאך א דאקטאר", האט מען מיר געזאגט. און טאקע: אלע לעבן.

— איר האט באוויזן דערויף?

—אז וואס? אז אלע קינדער לעבן? אז זיי זענען געזונט? יא! די קינדער אליין!

— איר ווערט באשולדיקט אין פארשפרייטן א טיפוס־עפידעמיע מיט פיינדלעכע כוונות. שרייבט אן אלץ, וואס איר האט צו זאגן אויף דער טעמע. מיר וועלן זיך נאך זען. דערווייל זייט איר פריי.

.3

א רוסישער אלטיטשקער האט מיך אויסגעהערט און ווי סתם אין דער וועלט אריין א זאג־געטון: ביי אונדז זוכט

נישט קיין יושר. פארט אוועק פון דאנעט און אוים געשעפט. איינער האט מיך געטרייסט: ביי אונדז אין די לאגערן דארף מען אויך דאקטוירים... א טייל באקאנטע האבן אוים־געמיטן מיט מיר זיך צו טרעפן. די אדעסער געליבטע האט מיך נישט דערקענט. מארעק האט געבראכט א פלאש וויין און מיר האבן שווייגנדיק געטרונקען. איך האב אנגעשריבן מיין ווייגעשריי פארן פראקוראר, אוועקגעשיקט אים מיט דער פאסט און אליין אוועק, וווהין דער גורל האט געוואלט און ווו יושר איז ניט געווען בנמצא.

4) אין בריוו איז געווען געשריבן:

„...אויף אייער פארלאנג וועל איך אייך איבערגעבן דעם „שליסל" צו אייער קינדערהיים. איבער 160 קינדער פון דער גאם געפונען זיך אין עטלעכע מרה־שחורהדיקע צימערן. זעלטן געפונט זיך דא א טיש אדער א בענקל. די קינדער פארברענגען זיי אין די ווינטער־אוונטן. אין מיטן שטוב אויף דער בריק ווערט געמאכט א פייער און ארום אים אויף די בעטן שטייען און זיצן קינדער אין צעריסענע פופייקעס און הערן זיך צו ווי וולאדקע, זייער „הערשט", דערציילט וועגן שווארצן ים, וועגן די שיפן, וואס אויף אלע האט ער די קאפיטאנען געמאכט צום נאר. די קינדער קוקן אים אין מויל פארחולמטע און יעדער פון זיי איז זיכער ביי זיך, אז ער קאן אויך זיין א פרייער פויגל, אויב נאך נישט אויפן ים, איז כאטש אויף דער יבשה.

דערנאך הויבט זיך אן א סעריע אמתע „קונסט־שטיק": דער מאגאזין פון ברויט איז פארשלאסן און גאנץ, אבער דאס גאנצע ברויט איז אהינגעקומען. דאס זעלביקע געשעט שפעטער מיטן מאגאזין פון וועש. די מיליץ האט באקומען אן ארדער פאר געפונען אין פעלד עטלעכע טרוקענע ברויטן. די דירקעציע פון קינדערהיים א לויב פאר דער הילף ביים

געפונען דעם „גנב", די קינדער — לעקציעס וועגן קאמונים־טישער מאראל. און איך? אייער איינלאדונג אויף צו זיין א כפרה־הינדל פאר אייערע אלע פארקריפלעניש און פאר אייערע קעטן, וואס איינער טוט אן דעם צווייטן אוים ליבע צום „פראלעטאריאט".

קענימער

— געבוירן?
— אין קענעמער.
— עפעס א קענטלעכע שטאט...
— נישט אזוי קענטלעך, ווי סקלינגט שטארק יידישלעך: קען מיך!...
— אויב אזוי, פארוואס נישט: דערקענימער, דאס הייסט, דערקען מיך? ווי מען שרייבט אויף קארטלעך פון שווייצער בערג אדער איטאליענישער רעוויערע? אויף אזא אופן פאר־בעט מען אהין געסט.
— סאיז איבעריק! קיין קענימער קומט מען נישט גע־בעטענערהייט, אהין פארשיקט מען.
— ווו ליגט עס, דאס הייליקע ארט?
— ביים גרענעץ פון דער מדבר קאראקום.
— קום, ברודערל, קום! ווידער שטארק יידעשלעך! האבן רוסישע יידן נישט געוואלט אפשר בויען דארט עפעס א שטיקל אויטאנאמיע?
— מעגלעך! סזעט אוים, אז איידער וואס־ווען האבן די יידן געכאפט און געיידישט די נעמען. בויען די מדבר וועלן שוין אנדערע. שבת־גוים ווערן געזוכט אויף דער גאנצער וועלט, אפילו אין ישראל.
— וואס האט מען דארט געקאנט באוונדערן?

— דאס באד, למשל, פון וועלכן מען האט צעטראגן אלץ, אפילו די ציגל, ביז סהאט זיך אויסגעלאזט דאס אמתע באד. אדער די עלעקטראווניע, פון וואנעט מען האט באצייטנס אראפגענומען דעם דאך און צעשלעפט די מאשינען, כדי פלאץ צו מאכן פאר דער ביליקער זון־ענערגיע. אדער דעם פוילישן און שטיקל יידישן בית־עולמית מיט פון הונגער און לייז פארפייניקטע.

— נאכוואס האט מען אייך אהין געשיקט, אין דעם שיינעם מקום?

— מען האט געוואלט, אז איינער זאל דעם צווייטן גוט דערקענען.

— דהיינו?

— איינער האט געזוכט צו דערקענען אין צווייטן די קאנטער־רעוואלוציע.

— מיט וואספארא שפעקטיוו האבן זיי עס דערזען?

— מיט א גלעזל פון 200 גראם. נאך עטלעכע גלעזלעך פלעג זיך באווייזן דער דיבוק און פלעגט לאזן הערן זיין קול: איך פלוני פלונינאוויטש בין א קאנטער־רעוואלוציאנער. אויב זיין אייגענער דיבוק האט עס נישט דעקלאמירט, האט עס דער דיבוק פון זיין שכן רעציטירט.

— נישט קשה! א פריילעכע געזעלשאפט געווען: מיט דעקלאמאציעס און רעציטאציעס...

— אוודאי! מע פלעגט נאך צוזינגען דערצו איציק פעפערס לידל:

לאמיר טרינקען לחיים,
פאר דעם לעבן, פאר דעם נייעם.

— וויאזוי האט איר עפעס פארלאזט דאס נייע לעבן?

— מיט געוויין.

— טאקע?

— יא! פאר פרייד.

דענקע פון דענקער־פאלק

.1

אין דעם אלט־פוילישן שטעטעלע זיעמביץ האבן דייטשע קאלאניסטן אויסגעבויט א קלויסטער אויפן בארג און געביטן דעם נאמען פון שטעטל אויף מינסטערבערג. איינגעבוירענע פאליאקים האבן געהאלפן ווייטער צעבויען די שטאט. וויע־טשארעק און בארגיעל, גזעסיק און באגוסאוויטש זענען געווארן דייטשע גוטבאזיצערס און לערערס, דייטשע מוירערס און באנערס.

סימנים פון פוילשער ארבעט זענען פארווישט און פאר־מישט געווארן. סימנים פון דייטשישן מארד איז געבליבן: שטיינצלמים און תליות אויף פארשידענע וועגן און פלעצער. א דייטשישער פארשער האט עס אנגערופן: שטיינערנע עדות פון מיטלאלטערלעכן רעכט אין שלעזיע. יעדער דייטש, וואס האט געהרגעט א צווייטן, האט געקענט אויפשטעלן א שטיין־צלם אויפן ארט פון מארד, באצאלן די הוצאות פאר דער לוויה און פאר דעם ביר, וואס די ריכטער האבן בעתן משפט געטרונקען און אויף אזא אופן איז ער דער מערדער ווידער געווארן א פיינער מענטש. קיינער האט נישט געטארט אים אפירהאלטן אפילו זיין פארברעכן. אסך אזוינע שטיין־צלמים זענען מיט דער צייט אהינגעקומען. דער דייטשישער פארשער האט אבער נאך אנגעציילט 541 אזוינע שאנד־סימנים אין שלעזיע.

און איך האב געזוכט און געפונען נאך איין שאנד־פלעק אויף דעם כראנישן פארברעכער־פאלק. דאס איז די געשיכטע פון מערדער דענקע אין זיעמביץ.

.2

איבער די געפלאסטערטע, ריינע גאסן פון שטעטל ציט זיך א לוויה. סאיז געשטארבן דער קעניגלעך — פרייסישער אבערסט לעהמאן. זעכציק יאר האט ער געלעבט, באקומען אין דער ערשטער וועלטמלחמה דעם ריטער־ארדן און איבערגעלאזט א פרוי מיט קינדער, פאר וועלכע ער האט באצייטנס צוגעגרייט א פאמילענגרוב אויף דעם צווינטער לעבן זיך. היינט, נאך דער צווייטער דייטשישער מפלה, גענצען די גריבער לעבן אים פון פוסטקייט.

פאר דער שווארצער עגלה גייט א הויכער, גראער מאן מיט א פרום־ארפגעהאנגענעם קאפ. ער טראגט דעם צלם, וואס גלאנצט אין דער זון. זיין לאנגע בארד גיט אים צו עפעס פון דער מאיעסטעטישקייט אויף די הייליקע בילדער. סאיז אדאלף דענקע, דער דייטשער, באשיידענער בירגער פון שטאט. די דאזיקע פונקציע און מצווה פון אנטון דעם לעצטן כבוד די געשטארבענע געהער שוין יארן צו אים.

פון צווינטער גייט דענקע א צופרידענער אהיים אויף דער טאקער־גאס, ווו סשטייט זיין אלט הייזעלע. דער גארטן ארום אים איז נישט גרויס, אבער רייך אין גרינסן.

צוויי מיידעלעך פאלן אריין צו אים אין שטוב.

— „די מוטל" (מאמע) האט געבעטן, איר זאלט געבן גוטן ראבארבער.

— וועמענעס זענט איר, קינדערלעך? דעם שול־לערערס? איז זאגט דער מאמע, ביטע שיין, אז אזא ראבארבער, ווי ביי מיר, איז ביי קיינעם נישט פאראן.

אין זיין הייזקע איז אנגעשטעלט אסך מעבל. אויך א הויז־אפטייקל און א ביכער־שאנק. צווישן פארשידענע ראמאנסן מיט רויטשרייענדיקע טעוועלעך געפונט זיך די ביבל אין לוטערט איבעזעצונג און אויך ניטשעס זאראטוסטרא.

דענקע האט נישט קיין געדולד צו לייענען. צום איינ־שלאפן נעמט ער א ראמאנס, וואס ער האט אים שוין הונדערט מאל געלייענט .צומאל קוקט ער אריין אין דער ביבל, ווייל ער איז א גלויביקער אין גאט. היינט האט ער פונקט אויפ־געמישט, ווו סליינעט זיך: „ווי צו דער וועלט פון פיין! ווייל צרות מוזן זיין. נאר ווי צו דעם מענטשן, פון וועלכן סקומט פיין." ער גיט א קרעכץ און לייענט ווייטער: „איר האט געהערט וואס מען האט די אלטע געזאגט: הרגע נישט! ווער סהרגעט איז חייב מיתה. איך אבער זאג אייך: ווער סאיז ברוגז מיט זיין ברודער, איז חייב מיתה." דענקע ווערט מיד ביי דער ביבל. ער לייגט זי אוועק. זאראטוסטרא איז דאך אויך געשריבן אין פסוקים און אין טאן פון ביבל, אבער עפעס היימישער, דייטשער. אזוי זאגט זאראטוסטרא: „באמת, א שמוציקער טייך איז דער מענטש. מע מוז א ים זיין כדי אויפצונעמען א שמוציקן טייך און דאך נישט אומריין צו ווערן." ווייטער שטייט געשריבן: „אייער שונא זאלט איר זוכן! איך עצה אייך נישט צו ארבעטן, נאר צו קעמפן. די מלחמה און דער מוט האבן מער גרויסע זאכן אופגעטון, ווי די ליבע צום צווייטן."

עמעץ קלאפט אין טיר. אהא! דאס קומט ער, דער הונגע־ריקער בחור פון דעם קינדער־היים פאר ארעמע. דענקע ריגלט אויף די טיר.

— האסטו, יונגערמאן, א שיינעם האנטשריפט? קודם עם עפעס אפ. דערנאך וועסטו מיר אנשרייבן א בריוול צו מיין קרוב. איך וועל דיר דיקטירן.

דער אורח איז דא. די האק איז געשארפט. א פריינט צי א שונא? מוט צי ליבע? א שמאלער געדאנק פאלט פון איינע רעלסן אויף די צווייטע. מוט, באשליסט דענקע. דער אורח אנגעבויגן איבערן פאפיר שרייבט דעם בריוו. דענקע מעסט אפ דאס ווארט און דעם מאמענט. מיט איין האק

איבערן קאפ און דער זיג איז דא. זיג איז פראפיט. א גרויסער אויפטו איז אויסצונוצן די פרוכט פון זיין מוט.

אמאל איז דענקע געווען א קצב-יונג. ער קאן גוט האקן פלייש. מע מוז אבער אויך קענען קאנסערווירן פלייש, אנישט ווערט עס פארדארבן. דערצו האט ער אלץ, וואס מען דארף. ער אליין עסט נישט קיין פלייש. אבער מען מוז דאך פארזארגן די מענטשן מיט עסן אין די שלעכטע מלחמהיארן און אליין אויך האבן פון וואס צו לעבן. מענטשן — פלייש קאכט זיך טאקע שווער איין, אבער פלייש איז עס. הלמאי קויפט מען עס גערן ביי אים שוין א היבש ביסל צייט. וועגט ער עס פאר ברעסלוי אויף זיין דעצימאל-וואג, פאר די היגע אויף זיין אויטאמאטישער. ביינאכט באגיסט ער זיין גארטן מיט בלוט. ראבארבער וואקסט שנעל אויף בלוט. די ביינער טראגט ער אוועק אין נאענטן וועלדל. א זאך מוז געטון ווערן מיט פונקטלעכקייט. ארדנונג מוז זיין.

(3

אין יאר 1925, ווען עטלעכע פרעמדע שלעפערס זענען אהיגעקומען פון ארטיקן ארעם-היים, איז געפאלן דער חשד אויף דענקע, וואס פלעגט אפט צו זיי קומען און פארבעטן צו זיך אוים רחמנות אזא הונגעריקן אורח.

אין שטאט איז געווארן א פאניק. איינער האט געזאגט, אז ער האט געגעסן פון זיין פלייש, דער צווייטער פון זיין ראבארבער. א טייל איז פון קרענקעניש ערשט איצט קראנק געווארן און א טייל ווידער האבן זיך געוויצלט וועגן דעם. די ארבעטער פון דער פאבריק זיידל עט קאמפ. האבן אוים שינאה צו זייער שטרענגען ברויטגעבער געלאזט א פליאטקע, אז דענקע איז געווען דער הויפטליפעראנט פון פלייש פאר דער פאבריק. מען האט זיך געווערטלט: ווער ספארזוכט

אמאל מענטשנפלייש, ציט עס אים שוין ווייטער צו אים, ווי א שיכור צום טרונק. ביי הינט איז עס דאר טאקע אזוי.

קינדער און דערוואקסענע האבן געזונגען לידער פון מאגיסטראטס-דיריגענט וואלטער קיהל.

ווארט נאר, ווארט נאר, נאך אביסל,
באלד קומט דענקע אויך צו דיר.
האקט אפ קאפ און בײדע פיסלעך
און מאכט קרעפל-פלייש פון דיר.

ליצנים האבן אנגעשריבן מיט קרייד אויף די ווענט:

קום צו גאסט אין שיינעם דענקע-שטעטל!

אינטעליגענטע לייט האבן מיט דער האנט איבערן מויל דערציילט בסוד סודות דעם נייעסטן וויץ: מען האט געפרעגט לודנדארפן, ווער סאיז דער גרעסטער מערדער אין דייטשלאנד, האט ער זיך געקוועטשט און געזאגט לאנגזאם:

איך — דענקע — — הארימאן —

4)

זיבן יאר נאך דער ערשטער וועלטמלחמה האט דאס רויקע שטעטעלע אויפגעפיבערט. יעדער דייטש האט אין ביר שענק אויסגעלאדן זיין פאנטאזיע ביי דער מעשה דענקע.

— סאיז בכלל אזא צייט — האט איינער געטייטשט — וואס איז דא אסך צו רעדן? סטרעפט איצט ניט איינעם דער טויט, אפילו סאיז שוין נאך דער מלחמה. א יונגל ביים סוחר ערנסט האט זיך געשפילט מיט א רעוואלווער און זיך דערשאסן אויף טויט.

— איר זאגט דאס — פאלט אים אריין דער צווייטער אין די רייד — אויף א חתונה ביי מיינעם א באקאנטן האט

איינער דעם צווייטן אריינגעזעצט א מעסער אין קאפ, פון וואס ער איז געשטארבן.

— נישטא היינט קיין מורא פארן טויט! — דערציילט איינער — צוויי מענער און איין פרוי האבן לעצטנס או.. געבראכן דעם ארון פון גאטזעליקן ארגאניסט און אים בארויבט.

זיבן יאר נאך דער ערשטער וועלטמלחמה האט דאס רויקע שטעטעלע אויפגעפיבערט.

דער גלח האט געלייענט א באפעל פון פויפסט, אז פרויען זאלן טראגן לאנגע קליידער פון נישט־דורכזיכטיק מאטעריאל.

העריא האט געזאגט אין פראנצויזישן פארלאמענט: מען מוז אלץ טון, כדי צו האלטן די הבטחה פאר די געפא־לענע, אז קיינמאל מער נישט קיין מלחמה.

ענגלישע טרופן פארלאזן וואָרמסקירכען נאך זיבן יאר אקופאציע. שלעזישער פארלאמענט פארלאנגט אויך דעם ארויסמארש פון די אליאנטן. א סאציאל־דעמאקראטישער דעפוטאט האט צוגעגנבעט ביי זיינע חברים זייערע פענסיעס און איז אוועק. אין געריכט פאר שוץ פון דער רעפובליק הויבט זיך אן דער פראצעס קעגן באקאנטע קאמוניסטישע פירערס וועגן פאראט. הוווער האט פארלאנגט אין אמעריקא־נישן סענאט, אז מען זאל אונטערשרייבן דעם אמעריקאניש־דייטשישן האלדלסאפמאך, ווייל די באציונגען צווישן אמערי־קע און דייטשלאנד מוזן זיין פעסטע.

דענקע האט אויפגעוועקט דאס שטעטעלע פון ווינטער־שלאף.

דענקע איז געווארן ארעסטירט.

5)

אין מאגיסטראטסזאל זענען אלע שטאטפארזארגערס זיך פונקטלעך צוזאמענגעקומען צו דער גערופענער זיצונג. קודם

האט מען געדערדט וועגן געלטאפצאל פאר דער מיל־פאסעסיע און וועגן גרוים פון שטייער פון צירק פאר דער שטאט. סאיז געבליבן צום אפשטימען א פראיעקט־רעזאלוציע: כדי די שטאט, וואס איז טרויריק באריםט געווארן צוליב דעם מענטשן — פּרעסער דענקע, זאל לכל־הפחות ווידער צוריק־באקומען זיין גוטן שם, זענען מיר זיך מתחייב צו געבן 600 מארק דעם ארויסגעבער פון אלמאנאך „שלעזיע", אויף אפצו־דרוקן דארט אן ארטיקל וועגן מינסטערבערג מיט בילדער, וואס זאלן עדות זאגן אז די דאזיקע שטאט פארמאגט אזוינע שיינע הייזער און א מוזיי, וואס איז נישט בנמצא אין אנדערע שטעט. אלע האבן געהויבן די הענט פאר דער רעזאלוציע.

דער פארזיצער לייענט איבער נאך א בריוו, צוגעשיקט פון טרייע בירגער פון שטאט. זיי שעלטן אין אים דעם היגן דיריגענט וואלטער קיהל, וואס נישט גענוג ער האט פאר־פאסט לידלעך וועגן דענקע, האט ער אויך אנגעשריבן א בראשור וועגן אים. דערמיט שעדיקט ער די אינטערעסן פון דער שטאט און דערפאר בעטן זיי אים צו באשטראפן און אים צו סטעמפלען אלס שעדיקער אין דער היגער צייטונג. דער דאזיקער בריוו האט אנגעצונדן די געמיטער פון די ערנסטע פארטרעטער פון שטאט. אלע האבן זיך ארויסגעזאגט קעגן דעם הולטיי.

— דער דאזיקער פוסטער שטאטפרעסער — האט שווער־אטעמדיק געזאגט דער חזירניק אכמאן — דער דאזיקער נארישער קונצן־מאכער מיינט, אז ער איז קלוגער פון אלע. גענוג מיט זיינע פייפעריען און בלאזערייען! איך פראפאניר ארויסצוווארפן דעם מאגיסטראטס דיריגענט פון דער ארבעט און אויסקלעבן פלאקאטן, ווו סזאל געסטעמפלט ווערן די מואסע שטיק פון דעם מנוול וואלטער קיהל.

א פארשלאג צו קאנפיסקירן די בראשור און זי צו פאר־ברענען אין מיטן שטאט, איז אנגענומען פער אקלאמאציע.

מיטן ליד „דייטשלאנד, דייטשלאנד, איבער אלעס...״ איז די זיצונג געשלאסן געווארן.

(6

אדאלף דענקע ווארט אויף זיין מישפט. אין קעלער דער־מאנט זיך דענקע, אז ער האט איבערגעלאזט אין שטוב א העפט מיט אלע נעמען פון זיינע „געסט״. ער וויל זיך דער־מאנען פון זיין הכנסה, וואס איז אויך פארשריבן אין דעם זעלבן העפט. וואס וועט ער זאגן די ריכטער? ער האט נישט וואס צו זאגן. אלץ איז קלאר.

מען האט אים אריינגעווארפן אין קעלער אין זיינע אייגענע בגדים. אפילו דעם הויזן פאס האט ער אויף זיך. און וואס ווארטן?

די ריכטער איילן זיך נישט. די צייט איז דער בעסטער שופט. און אז מען וועט שוין אויסהערן דעם מערדער, וועלן די טויטע אויפשטיין? א דייטש האט געהרגעט. אבער וועמען? עפעס שלעפערס, אומבאקאנטע. מע וועט פרעגן די פסיכיא־טרען. זיי וועלן שוין צוטראכטן א מאטיוו.

אבער דענקע האט באשלאסן נישט צו ווארטן. אויפן דריטן טאג האט ער זיך אויפגעהאנגען אין קעלער.

די ריכטער האבן צופרידענע אוועקגעטראגן דענקעס אקטן אין ארכיוו.

בר מצוה

ווייל איז אייך פקידים, ארבעטער און דאקטוירים: אפילו ביי א בר־מצוה פארדינט איר געלט. ס׳איז דאך, ווי איך הער, גאר א גוטער עסק, אויף מיר געזאגט געווארן.

בין איך צו מיינע צרות א שטיקל פארבריקאנט; איך זאל כאטש אזוי ווימן פון מיינע געשעפטן, ווי די מס־הכנסה ווייסט

זיי. גיי מאך א בר־מצוה, וועלן זיי מיינען, אז איך בין טאקע נתעשר געווארן.

האב איך פאראיארן געמאכט עס בקיצור; איינגעלאדן א היים עטלעכע מיינע שותפים, אויסגעטרינקען, אפגעגעסן, געכאפט א קערטל און געגאנגען שלאפן.

ווייל איז אייך, איר מעגט מאכן א בר מצוה און נאך. מיט א טראסק און דערצו פארדינען דאביי.

ביי מיינעם א באקאנטן איז געווען פאר א פאר טעג א בר מצוה אין גרעסטן זאל פון דער שטאט. צווישן אונדז גערעדט; א פיינער מענטש, נאר א גרויסער שנארער. פרעג איך איים: היתכן?! זאגט ער מיר: ר׳ זיינוול, רעכענען קענט איר בעסער פון מיר. נעמט זייט מוחל א פען און רעכנט: פון ועד מקומי, ארצי, בין־לאומי, מפלגתי, מקצועי, יעדער איינער א טשעק פון דרייסיק פונט. איז שרייבט, זייט מוחל 150 פונט. פון די דיירים אין בלאק צוזאמען א הונדערטער. פון דער מומע אין אמעריקע, באקומען 100 דאלאר. אזוי ווי איך האב ארויסגעשיקט ניין איינלאדונגען קיין אמעריקע וועט עס אויסמאכן 900 דאלאר. ס׳זאל אייך לייכטער זיין ר׳ זיינוול דער חשבון שרייבט 1000 דאלאר.

איך בין אייך שוין מוחל די קליינע סומעס, ווי למשל: פון כתה ז׳ 7 פונט, פון דער מוזיק שולע — 8 פונט, פון דער הפועל־גרופע — 9 פונט און פון דער תנועה — 10 פונט. רעכנט נאר מיט קאפ, וויפיל האט איר שוין? אצינד די ביכער, אלבומען, ענציקלאפעדיעס, וואס די שטעטישע ספריה פארמאגט עס נישט.

מיין בחור׳ל האט טאקע בדעה דערפאר אויפצומאכן א ספריה „איזורית".

איז וואס? 50 פונט וועט זי זיכער ארייננברענגען אין חודש, וואס מיינט איר? און ווו זענען די סילאנען, פייפער׳ס און צוללות? פרעט ארגוב׳ן וויפיל דאס איז ווערט, וועט

ער אייך זאגן. און די שאכן, דאמינאס און טאקע די קארטן? איר ווייסט, וויפיל אזא מזלדיק און יום-טוב׳דיק פעשל קארטן קאן אריינברענגען אין א הייליקן פריטיק-צונאכט׳ס נאך די פיש? איך בין אייך שוין מוחל די הינט, וואס מען האט אנגעבראכט. א טויץ הינט האב איך באקומען. אמתע הינט פון ישראל ערד. קונסט שבקונסט, ווי אין פסוק שטייט: „בצלמנו כדמותנו״, איין גליק וואס זיי בייסן נישט. זיי האלטן אלע נאר אפן זייערע פיסקעס, אז סווערט אפילו א ביסל אומהיימלעך. אבער ווי האלט מען אזויפיל הינט, ווען די דירה מיינע איז ענג, נישט מער ווי 54 קוואדראטמעטער גרוים.

און אצינד ווו איז דאס קישע-געלט? זינט א צייט בין איך א צמחוני, איך עס נאר חיות, וואס עסן גראז. וואס בין איך א מענטשן-פרעסער, אז איך זאל עסן בערן און וועלף? אזוי ווי איר ווייסט, אז איך הייס הערש בער וואלף, וועל איך דען חלילה זיך אליין עסן?

הערנדיק דאס, בין איך געבליבן זיצן מיט אן אפן מויל און מיט פארגלאצטע אויגן און מיט דער פען אין דער לופט. פלוצלינג האב איך זיך א כאפ געטון און אים איבערגעשלאגן די רייד: איר האט ר׳ הערש בער וואלף, ווי איך האב געהער־רט א צווילינג, האט איר נישט בדעה צו מאכן צוויי אזוינע בר מצוה׳ס?

— וואס פאלט אייך איין, ר׳ זיינוול? איך האב נישט קיין צווילינג, האט ער מיר געענטפערט.

— נעמען מיר אן, ר׳ הערש בער וואלף, ווען איר וואלט געהאט א צווילינג, וואלט איר געמאכט צוויי בר מצוות?

— כ׳לעבן, ס׳וואלט זיך געלוינט. ווייל דער חשבון איז גוט, נאר דער צווילינג פעלט.

ס׳איז דאך ווויל אייך, פקידים, ארבעטער און דאקטוירים: **אפילו ביי א בר מצוה פארדינט איר געלט!**

א חתונה

זוער האט חתנה? די מילך מיט דער לעבער. דאס הייסט די משפחה מילך מיט משפחה לעבער. אזוי האבן די מחותנים געהייסן און אויב איר ווילט וויסן, האבן זיי אפילו כמעט אזוי אויסגעזען. אויף דער חתונה איז געווען ענג, פליישיק און גליטשיק, פונקט ווי אין א פולן בויך.

די געסט זענען געקומען מיט קליינע בריוועלעך און גרויסע שאכטלען. ערשט א זייגער אכט וועט מען צעברעכן סימבאליש דאס גלאז נעבעך, אבער מענטשן קומען פון דער ארבעט, קאנען זיי נישט ווארטן אזוי לאנג. האט מען דערווייל פון צוויי טישלעך גענומען קליינע סענדוויטשלעך און נישט געגעסן חלילה, נאר געשלונגען. סאיז טאקע ביי אונדז קיין הונגעריקע נישטא, אבער סאיז שוין אזא נאטור ביי אונדז: מען וויל אפעסן פאר דעם דרשה-געשאנק, פונקט ווו סאיז דא אסך, וואס ווילן אפקרענקען פארן מס-אחיד. אז אלע ווילן דאס זעלבע, מוז מען שוין כאפן. איז איינער א פרוי ארויסגעפאלן די האנט ביים כאפן. פונקט די גאנצע רעכטע האנט איז איר ארויס פון געלענק. האט זי געלאכט און געוויינט. געלאכט, ווייל סאיז קאמיש, ווען מען מוז מיט הענט כאפן עפעס אין מויל אריין און געוויינט, ווייל סהאט טאקע וויי געטון אויך. האב איך אוים רחמנות ארייגעשטעלט איר די האנט, ווייל זי איז נאך יונג און שיין און וועט נאך דארפן די האנט צום לעבן.

האבן די מחותנים געזען, אז איך האב זיי געראטעוועט פון א גרויסער בושה און חרפה, וואס וואלט צעלייגט

געוואָרן אויף טעלערלעך אין די צייטונגען, וואָס לעבן דערפֿון, האָבן זיי פֿון אַ באַהעלטעניש דערלאַנגט מיר פֿון שענסטן און בעסטן. האָב איך צוזאַמענגערופֿן מײַן גאַנצע משפּחה מיט אַ ביסל אַלטע באַקאַנטע און גענומען זיך מיט פֿאַרגעניגן קוקן אויף די גרויסע שטיקער צונג, אויף די שמעקנדיקע שטי־קלעך ברוסט, אויף די וואַרעמע קישקעלעך, אויף דעם ברוי־נעם העלדזל און אויף די פֿעטע פֿולקעלעך. נאָר מילך און לעבער איז נישט דערלאַנגט געוואָרן. כּדי מען זאָל זיי סימבאָ־ליש נישט אויפֿעסן, די מחותּנים, מײַן איך.

איך האָב אַנגעקוואָלן קוקנדיק אויף די טעלערס פֿול מיט אַנאַטאָמיע און בשעת איך האָב מיך צעלאַזט מיט אַ לויבגעזאַנג פֿאַר מחותּנים און חתן־כּלה, האָט זיך יעדע סעקונדע, ווי אַן אויטאָמאַט, אַראָפּגעלאָזט פֿון אונטער מײַן פּלייצע אַ האַנט, ווי פֿון הימל און אַרויסגעכאַפּט עפּעס פֿון טעלער... און אַזוי רעדנדיק, בין איך געבליבן זיצן בײַ ליידיקע טעלערלעך און אַוודאי הונגעריק. די אָרקעסטרע האָט די גאַנצע צײַט קעלאַפּט, געבלאָזן, געמאַכט מיט הענט און פֿיס און דער שטאַרק רעקלאַמירטער זינגער פֿון דער באַנק־ראָטירטער שיף „שלום", וואָס זעט אויס ווי אײנער פֿון אינ־טערנאַציאָנאַלן שפּיאָנאַזש, האָט געקרייעט, „דאָס יידישע מאַמע". און מײַן מוח און מײַן מאָגן האָט געשפּילט אַ טרויער־מאַרש און איך האָב גענומען מאַרשירן צו מײַנע באַקאַנטע אין דעם שטעטל, כּדי עפּעס טועם־צו־זײַן.

אויפֿן צוריקוועגס, האָב איך, זאַט פֿון דעם שײַנעם כּיבוד און פֿון דער פֿרישער לופֿט, געטראָפֿן מײַנעם אַ ווײַטן באַקאַנ־טן מיט זײַן הונט און מיט אַ ברודער דערצו. זײַן ברודער איז געקומען פֿון גלות, פֿון בעלגיע, פֿון דיאַמאַנטן־בראַנדזש. וויל ער זען אַ יידישע חתונה אין ישׂראל. נישט ווי סע שפּילט זײַן שוועגערין די „יידישע חתונה" אין טעאַטער, נאָר טאַקע אַן אמתע חתונה. ער וויל אויך הערן אַן אמתן מאַרשעליק

און נישט קיין פאַרעווע לידער, וואָס זיין ברודער, מיין ווייטער באַקאַנטער שרייבט.

האָב איך מעשה־מחותן, אויף צו להכעיס דער גאַנצער וועלט, מיטגענומען זיי מיטן הונט אין ענגן זאַל אַריין, אַוועקגעזעצט זיך מיט זיי און אויסגערופן: דאָס זענען מענטשן פון דער ציטונג! זיי ווילן באַשרייבן, וויאַזוי סזעט אויס אַן אמתע חתונה אין ישראל! דערלאַנגט עפּעס צום טיש!

ווי פון אונטער דער ערד האָט זיך באַוויזן אַ פלאַשקע, פיש, פיינקוכנס, אַלץ וואָס הויבט זיך אָן מיט „פה", מיט איין וואָרט: פיין.

און אַזוי־ווי איך האָב שטאַרק מורא, אַז דער ווייטער באַקאַנטער דיכטער קאָן נאָך חלילה קאַליע מאַכן מיר די מאָדערנע, הוטשנע און פיינע יידישע חתונה, האָב איך איין נאַכט נישט געשלאָפן און פאַרשריבן זי מיט אַלע פּיטשעווקעס פאַר אַלע דורות. אמן.

די אייזערנע קוגל

אַווו איז יושר? ווו איז גערעכטיקייט? יושר? צדק? אַלע מענטשן האָבן מיך אויפן וועג לויפנדיק אויסגעמיטן און איך האָב זיך געשלעפּט פויל און פאַמעלעך פון דער שול אַהיים.

— וואָס איז געשען? האָט די מאַמע אַ דערשראָקענע מיך באַגעגנט.

— ווו איז יושר, ווו איז צדק? האָב איך איר געענפערט מיט אַ שאלה.

— זאָג שוין! וואָס איז געשען? דער לערער האָט דיך אַהיימגעשיקט?

— יאָ! איך האָב אַרויסגעלאָזט נישט ווילנדיק, ווי זאָגט

מען עס, עטלעכע טויבן. האבן די קינדער געשריגן, אז דאס האב איך די לופט אומריין געמאכט. דערפאר האט דער לערער מיך אהיים געשיקט. פרעג איך דיך: ווו איז צדק? ווו איז יושר?

— וואס ווילסטו זאגן דערמיט, מיין קינד?

— איך, דער זינדיקער, בין ארויס אויף דער גאס אין ריינער לופט אריין און זיי די אומשולדיקע זענען געבליבן זיצן אין דער אומריינער לופט. דאס איז, מאמע, צדק? דאס איז יושר?

אזויווי איר זעט מיך, מיט מיינע צען יאר, האב איך שוין א פולן קאפ מיט פסוקים וועגן צדק און יושר. איך האב געמיינט, אז דאס זענען נאר אמאל געווען אזוינע רשעים און די גוטע נביאים האבן זיך געמוזט נעבעך אויפרעגן מיט זיי. ווייזט זיך ארויס, אז אזוינער ווי ליפע ליפינסקי, וואס וווינט איצט אויף מיין גאס, איז א גילגול פון יענע רשעים, וואס מיט טויזנטער יארן צוריק.

דער־א ליפע האט מיר אפגעטון א שטיקל, וואס איר מעגט עס הערן. פאר א פאר טעג צוריק בין איך געגעאנגען אפטראגן א ביסל ווארעם געקעכטס פאר מיין טאטן, וואס ארבעט איצט ביי בנין. סתם האב איך פיינט צו גיין, וווהין מיין מאמע שיקט מיך. אבער צום פלאץ, ווו מען בויט, גיי איך גערן. דארט געפונען זיך קלעצלעך, שטיינדעלעך, זאמד, וואסער און וויפל דו ווילסט קאנסטו מיט די נאקעטע פיס אויסקנעטן פארשידענע פיגורן. דאסמאל האט דער טאטע מיט אביסל א פרייליכער פנים ווי תמיד מיר געגעבן א מתנה. די ערשטע מתנה, וואס ער האט מיר געגעבן. דאס איז געווען אן אייזערנע קוגל, וואס ער האט געפונען ביים גראבן דעם פונדאמענט. האב איך געכאפט די קוגל און ארויף אויפן כביש, וואס פירט אהיים, און געקוילערט זי וואסאמאל געשיק־טער, ביז די קוגל האט גענומען מיך פארשטיין און שוין

מער נישט אראפגעפאלן פון וועג, ווי פון אנהויב. מיין טאטע, מוזט איר וויסן, האט נישט קיין געלט צו קויפן מיר שפילעכ־לעך. ער זאגט תמיד: דאס לעבן איז נישט קיין שפילעכל און פארן עסן גייט נישט קיין טאנץ. האב איך זיך שטארק געפרייט מיט דער קוגל, וואס מיין טאטע האט געפונען פאר מיר. דער שוויים איז מיר גערונען פונם פנים און איך האב געקאפעט די אייזערנע קוגל מיט די פיס און הארץ, ביז איך בין געקומען אויף אונזער גאס. פלוצלינג קריכט ארויס ליפע, וואס מען רופט אים אויך ביי אונז כל־בו, פון זיין קיאסק און מיט א פנים פול שרעק גיט ער צו מיר א זאג מיט די־א ווערטער:

„יאסעלע וואס טוט זיך מיט דיר? מיט פייער שפילסטו דיך? די קוגל קאן דאך חלילה אויסשיסן און דיך הרגענען אויפן פלאץ." א געליימטער בין איך שטיין געבליבן און געזען מיט מיינע פארווייינטע אויגן, ווי ליפע שארט מיט זיינע קרומע צוויי פיס די קוגל ביז זיין קיאסק צו.

איך בין אהיימגעגאנגען און ניט געקענט ארויסרעדן אפילו איין ווארט צו מיין מאמע. צומארגנס האט זיך מיר געחלמט די קוגל, ווי זי קוילערט זיך אזוי פריילעך און פלוצלינג נעמט זי און פלאצט.

איך האב זיך אויפגעוועקט מיט הארצקלאפעניש און ארויס שנעל אויף דער גאס. און דא האב איך געטראפן ליפעס קינדער, וואס שפילן זיך מיט מיין קוגל און זאגן, אז דאס האבן זיי באקומען א מתנה פון זייער טאטן. און די קוגל האט ניט געפלאצט, נאר מיין הארץ און איך האב שוין ווידער געפרעגט:

ווו איז יושר? ווו איז צדק?

גליק ווו ביסטו?

אין א דושנעם אויפדערנאכט האט מיר א דין, אומרויק קול כל אין טעלעפאן אנגעזאגט די בשורה־טובה, אז האטעל „דן" וויל מיט מיר רעדן.

— רגע! תיכף וועל איך אייך פארבינען.

— ווער וויל דאס רעדן מיט מיר?

— רגע, אדוני! אביסל סבלנות!

— אבער זאגט מיר, איך בעט אייך, ווי רופט מען אים?

— גליק פון אמעריקע, אדוני! נאך איין רגע!

— האלא! גליק, ווו ביסטו?

— אדוני! כבעט אייך, נאר אן חוזק! באלד וועל איך אים געפונען.

נאך א לאנגען ווארטן ביים טעלעפאן, האב איך דערהערט דאס זעלבע שפיציקע קול:

— איך רוף אפ דעם שמועס מיט גליקן.

ווען איך בין שטיינגעבליבן ביים טעלעפאן מיט א מינע פון אן אפגענארטן, האט מיין גאנץ משפחלה ארומגעזעצט זיך ארום מיר און געהאלפן מיר טרעפן. זאגט מיינע: אינטערע־סאנט! ווער קען דאס זיין? אפשר איז עס אליהו הנביא? סוואלט גארנישט ניט געשאדט, ווען ער קומט אפילו פון אמעריקע און ברענגט אביסל גליק. מען דארף צובויען א שטוב פאר די קינדער, מאכן א דעכל איבער דער טיר, דער רעגן זאל נישט ארייגגיסן אין קיך. און דו דארפסט נאך אזויפיל יארן שווערער ארבעט א נייעם בגד, ווי דאס לעבן און איך א ניי קלייד מיט ארטאפעדישע שיך.

זאגט מיין עלטערער זון: גליק אהער, גליק אהין! איך דארף האבן א נייעם עופניים, די גרויסע ענציקלאפעדיע און געלט צו יעדער נייער פארשטעלונג אין קינא און טעאטער.

זאגט דער יונגערער: און מיר זאל ער ברענגען א טוץ באלאנען, ראקעטן און סילאנען מיט א גאנצן פאק מאסטיק דערצו.

זאג איך צו זיי: אז איך ווייס גארנישט, ווער דער דאזיקער גליק איז און ווי ער זעט אויס. ביז איצט האב איך נישט געזען אים און נישט געהערט פון אים. אפשר איז עס סתם א שפיצל פון ליצנים, וואס ווייסן, אז מיר ווארטן תמיד אויף גליק?

זאגט מיין עלטערער זון: נעם און פרעג אליין אן אין מלון „דן", צי איז בכלל פאראן אזא מין, ווי גליק ביי זיי.

רוף איך אן און רוף גליקן צום טעלעפאן.

פרעגט מיך איינער פארשלאפן: וועלכן גליק ווילט איר? ביי אונדז זענען פאראן דריי גליקן.

זאג איך פול שמחה: גיט מיר איינעם פון די גליקן!

לייגט ער אוועק דאס טרייבל, לאזט מיך ווארטן אביסל און פלוצים זאגט ער, ווי פונם שלאף:

— אלע גליקן שלאפן שוין.

נאר איך האב אין דער נאכט נישט געשלאפן. כ'האב געפילט, אז עס פעלט מיר עפעס. לאז זיין איין גליק פון אלע דריי גליקן. מיינע הומארעסקן למשל דארפן אויך גליק. צו מענטשן האבן זיי דווקא יא גליק, נאר נישט צו געלט. און כדי זיי אפצודרוקן אין א בוך, מוז מען ליידער האבן געלט. צי סאיז כדאי, פרעגט איר? אוודאי! אזא בוך „די לעבנדיקע גאלעריע" קען מאכן אן איבערקערעניש אין דער מענשטלעכער קאנסטיטוציע: דארע וועלן לאכנדיק, ווערן גרעבער ווי לענגער. דיקלעכע וועלן פון געלעכטערע לייגן זיך

צו דער ערד און וועלן ווערן אויסגעצויגן, ווי דרענגער. עפעס א קליינִיקייט!

צו מארגנס באווייזט זיך ביי מיר מיינער א פארטיי-חבר, א גאנץ פיינער מענטש, נאר לײדער אויך אן אינקאסענט. שמואליק גאליק רופט מען אים. דערפרייט ער זיך שטארק מיט מיר:

— מאכסט זיכער גוטע ביזנעס! ווייל נעכטן בין איך פונקט געווען ביי מיינעם א בן-עיר פון אמעריקע, וואס שטייט איין אין „דן", האב איך געלעגנטלעך טעלעפאנירט צו דיר, געוואלט דיך פארשטענדיק, אז איך קום היינט צו דיר, איז דיין טעלעפאן א לאנגע צייט געווען פארנומען, מאכסט א לעבן אין ישראל, זע איך.

— דאס — — — ביסטו — — — געווען? וואס האסטו געוואלט?

— איך בין געקומען איינקאסירן ביי דיר דאס געלט אויפן וואל-פאנד.

— און איך האב געמיינט, אז איך האב שוין געכאפט דאס גליק ביי די פיס. מילא, וואס קומט, קומט. נאר נאך די וואלן וועל איך אויפהויבן מיין קול און פאר מיין געלט פאר-לאנגען פון דער כנסת א נייעם חוק: רעפארמאציע פון העברעישן אויסלייג. ווייל צוליב דעם אלטן דיקדוק האב איך נישט געשלאפן א נאכט. דו האסט געזאגט דער טעלפאני-סטקע, אז דיין נאמען איז גאליק, האט זי אים פארשריבן אויף עברית: גליק. צוליב דעם מוז איך ליידן? צוליב דעם דארפן זיך אויסלאזן אלע מיינע גליקן?

המן און ויזתא

און עס איז געווען פונקט, ווי אין די צייטן פון אחשורוש. ער אליין א מלך, א טיפש און זיין מיניסטער, — א המן. דער

נאר און דער רשע האבן פון תמיד אן זייער אייגענעם פאריין. זיי שפאנען מיט קפיצת-הדרך-שטיוול איבער דער צייט פון דער וועלט, און ווערן זיי מיד — באזעצן זיי א טעריטאריע, כאפן א כוסה — און ס׳ווערט לעבעדיק. מע בענטשט זיך און מע שעלט זיך סתם אין דער וועלט אריין, ביז די געהירן זייערע ווערן אויפגעלייזט פון דעם ביטערן טראפן. דעמאלט לאזן זיי די צונג אין גאנג און שרייען בקול רם, אז אין זייער נארישקייט און אין זייער רשעות איז נאר שולדיק דער קלוגער מאשקע און דער כיטרער יאשקע. באשליסט מען קורץ און שארף: ברענען און בראטן.

יידן זענען צוגעווינט צו זייער גורל. א טייל נעמען שיטן אש אויף זייערע קעפ, א-טייל בייטן זייערע נעמען אוים, א טייל שטעלן די האק ביי דער טיר: און אלע האבן בטחון. ס׳ווארט דאך דער נס פון פורים!

און דער נס איז געקומען. אויף דער גאנצער וועלט לייענט מען די נירנבערגער מגילה און מענטשן לויפן קוקן אויף דעם נייעם שפיל, ווו המן מיט זיינע בנים זיצן פאר דער תליה און ווארטן אויף זייער סוף.

זאגט ויזתא צום פאטער:

— כ׳פארשטיי: דו ביסט אן אויבער-חכם, האסט אין קאפ אידעען, דארפסטו הענגען. אבער ווו קום איך, ויזתא, דערצו?

ענטפערט אים המן:

— שווייג, דו שייגעץ! א טאטן רעדסטו אקעגן? ביי מיר איז טאקע אפשר שולדיק דער קאפ, דערפאר אבער ביי דיר האבן געזינדיקט די פיס, איז על-פי-שכל דארף מען דיך הענגען אויף דיינע צוויי נארישע רגליים.

וויינט ויזתא:

— וואס בין איך שולדיק, אז די פיס האבן מיך פארטראגן קיין סטאלינגראד? די רוסן האבן אבער מיר דעמאלט גע-

זאגט: דורנאיא גאלאווא נאגאם פאקאיא ניע דאיאט! האב איך נעבעך זייער לשון שוואך פארשטאנען. האסט מיך, מיין טאטע, ווייניק געלערנט.

ווערט ברוגז המן:

— נאך ווייניק געלערט? כהאב צו דיר געגומען דעם מלמד ראזענבערג, וואס האט דיר אין דיין וויסטן קאפ כמעט ווי אריינגעהאקט אונזער שיינע תורה... און דער בעלפער שטרייכער, זכותו יגון ואנחה, איז עפעס אוועקצומאכן מיט דער האנט?

בעט זיך ויזתא:

— נאר דעם מנובל דערמאן מיר נישט, המן־טאטע! ער האט אונז געהרגעט לעבעדיקערהייט! ווען נישט זיינע באבע־מעשיות, וואלט איך און מיין גלייכן אויסגעלעבט א רויק לעבן און נישט געוווסט, וואס הייסט ייד. מיר, אזוי צווישן אונדז גערעדט, איז דוקא געפעלן געווארן די יידישקע אסתר מיט איר פעטער מרדכי, ווייל זיי זענען ערלעכע מענטשן און זי איז דאך שיין, ווי די ליכטיקע זון.

צעשרייט זיך המן:

— שווייג! ביסט עובר אויף א לאו: ראסן־טעאריע מדאוריתא, ויזתא בלייבט שטענדיק ויזתא!

באליידיקט זיך דער זון.

— און המן בלייבט שטענדיק המן?

דער צעקריגטער פאטער און זון האבן ממש זיך געריסן ביי די קעפ, מיט שוים אויף די פיסקעס האבן זיי זיך געזידלט... אן אמתן פורים־שפיל האבן זיי געשפילט — פאר דער תליה...

א גאסט

די „טאנטע" האט מיט מי אויסגעגלייכט איר שיין, צע־קנייטשט פנים און ווי מיט א דעקלאמאציע פון א יונג מיידעלע ארייגעריסן זיך אין שמועס:

— וועגן טוקעלע רעדט איר? זי איז דאך אזוי זיס! נאר אויסצוקושן זי! ווער ווייסט, צי איך וועל נאך האבן די זכיה זי צו זען ביי מיר? איך בין שוין קראנק פון בענקעניש נאך איר.

נאך עטלעכע טעג איז אנגעקומען א בריוו פון אמעריקע מיט דער גוטער בשורה, אז טוקי קומט דעם 15—טן קיין ישראל אויף צוויי חדשים. די טאנטע האט פאר פרייד אביסל געחלעשט. ווי תמיד, האט דער „אנקל" געגומען זיך לויפן נאכן דאקטאר. ער האט מורא צו בלייבן מיט איר אליין, ווען זי חלישט. אבער דאסמאל לאזט זי אים ניט אוועקגיין. זי וויל, אז ער זאל אנשרייבן אן עקספרעס־בריוו, אז זי איז שטארק קראנק, נעמט שווערע רפואות און שעמט זיך צו ווייזן פאר געסט. ביי איר טעכטערל קאן מען אויך נישט איבערנעכטיקן, ווייל אדער זי גייט מיט איר מאן צו איר „חברה" אדער „חברה" קומט צו איר.

דעם 15־טן ביינאכט האט דער אנקל נישט געקענט צומאכן קיין אויג. דאס קישן איז געוואָרן צו הארט, די לופט צו ענג. טוקי דארף היינט אנקומען מיטן שיף. ווהין וועט זי גיין, א קינד פון 22 יאר, בלוט און מילך? און אין וואספארא הענט קאן זי נאך אריינפאלן חלילה? אלע גלידער זענען זיך אים צעגאנגען פון רחמנות.

האט ער אין גראעם פרימאגן שטיל מיט א קרעכץ אפגעדאוונט און אוועק צום פארט קיין חיפה. דא האט ער גענומען ווארטן אויף דער שיף, וואס דארף ברענגען טוקי. אין דער ברענענדיקער תמוז־זון איז ער געשטאנען ביים ארויסגאנג פון פארט און געווארט. אויך דער שומר, וואס דרייט זיך ביים אריינגאנג צום פארט, איז געווארן אומגע־דולדיק:

— איך זע אייך דא שטיין פון פרימארגן. וועמען אדער וואס זוכט איר דא?

— טוקי זוך איך, מיין שוועסטערקינד זוך איך. זי האט געדארפט קומען היינט מיט דער שיף, אפשר האט איר, פאניע שוטר, געזען זי, אפשר ווייסט איר, היטער־לעבן, ווו מען קען זי געפונען?

האט דער שוטר א יידיש הארץ און שלעפט דעם פעטער ארום איבער אלע משרדים. נאך לאנגע אויספארשונגען איז דער פעטער געוואר־געווארן, אז די שיף האט זיך פארשפע־טיקט און זי וועט קומען איבערמארגן. א קראנקער איז ער אהיימגעקומען, געהייסן זיך רופן דעם דאקטאר, נישט דער־ציילט אים, וואס סאיז פארגעקומען און באקומען 3 טעג ליגן.

איבערמארגן האט ער געזאגט דער מומע, אז ער פילט זיך שוין בעסער און אז ער וויל אביסל „צעגיין" די פיס, וואס זענען פון ליגן פארשטייפט געווארן. איזן איז ער אבער אוועק צום פארט. א גאנצן טאג האט ער געזוכט און טוקי נישט געפונען. געפונען האבן אים די שוטרים, וואס דרייען זיך אין פארט. צי האט איר געלעגנטלעך ניט געזען מיין טוקי?

ביינאכט אויף זיין בעט האט דער פעטער געזען א חלום: אין א פייערדיקן רייטוואגן, געמאכט פון ריין גאלד, זענען איינגעשפאנט 60 פון די שענסטע בחורים אין ישראל, אלע געלערנטע, אלע אויסגעדינטע אפיצירן. און אויף דעם וואגן זיצט טוקי, ווי א שיינהייטסקעניגין.

אירע אויגן, שטיקער ישראל־זון; אירע ציין, פערלען פון אילת; איר האלדז הייליק, ווי דער בארג מירון; אירע ליפן זים, ווי צוויי פייגן.

אויך דאס הארץ פון דער טאנטע איז געווען וואך אין דער דאזיקער נאכט. האט זי א שטארקן קרעכץ־געטון און געבעטן דעם פעטער, אז ער זאל איר דערלאנגען איינע פון די שווערע רפואות. איז דער חלום אנטרינען.

צומארגנס האט דער פעטער צעשיקט אין אלע צייטונגען דאס בילד פון טוקי און באשריבן זי, ווי ער האט זי געזען אין חלום. און ווער סהאט זי באמת געזען, ווערט געבעטן צו פארשטענדיקן וועגן דעם אין דער נאענסטער משטרה־סטאציע.

גיין אדער לאכן

כבין געקומען פריער מיט א האלבער שעה... גוט, וואס איר זייט שוין נישט פארנומען... וועט איר קאנען מיך רויק אויס־הערן... איך האב געוואלט מיט אייך רעדן וועגן...

איך האב געזוכט נערוועז ווערטער, וואס זאלן פאסן און אינצווישן האט ער זיך אויפגעהויבן פונם פאטעל, געלייגט א פאפיר פון איין ארט אויפן צווייטן און באלד איז ער אויסגעוואקסן גרעסער ווי ער איז ביי דער טיר. איך האב דערפילט זיין שווערע האנט אויף מיין פלייצע און כ׳בין ווי אין א טראנס אים נאכגעגאנגען. ער האט לאנגזאם אראפגע־שפאנט אויף די טרעפ און אויפן וועג זיך מיט יעדן א ווערטל־געטון, פון וואס מען האט הכנעהדיק געשמייכלט. אין דרויסן האט ער אויפגעמאכט זיין אויטא, פראפאנירט מיר צו פארן מיט אים און אויפן וועג וועט ער מיך אויסהערן. ער מוז פארן אויף א ברית פון איינעם פון זיינע ארבעטער. איך וועל

קאנען פון דארט צוריקפארן מיטן אויטאבוס אהיים.

מיר האט ער אנגעוויזן צו זעצן זיך פון אונטן, ווייל ער פארט נאך אהיים נעמען זיין ווייב. זי מוז זיצן פארנט און צוגעבונדן, ווייל סדרייט זיך איר דער קאפ. איך האב פאר־צויגן זיך מיט א פאפיראס אלס מיטל קעגן שפאנונג און געווארט אויף זיין פאראינטערעסירונג. און ווען דאס אויטא האט געריררט, האט ער אנגעהויבן:

— איך וועל פארן לאנגזאם. דאס זאל אייך נישט ארן. איך מוז אויסרייבן דעם נייעם וואגן, סאיז נאך געבליבן 1000 ק״מ און דערנייך וועלן מיר שוין קאנען פארן שנעלער. כהאב געביטן דאס אויטא פון פאריארן. איר וועט לאכן: נאר צוליב דער פארב האב איך עס געביטן. איך פארטראג נישט די רויטע פארב זייט איך בין געווען אין רוסלאנד אויף א טיול. כבין טאקע א סאציאליסט, אבער דאס היינטיקע רוסלאנד האט מיר פארמיואסט די רויטע פארב. יעדע פראגע זייערע האט מיך רויט געמאכט פאר בושה, יעדעם ווארט זייערס האט מיך אנגעצונדן. זיי מיינען, אז נאר ביי זיי איז דא אמתע דירעקטארן... איך בין שוין גליקלעך צו זיין צוריק ביי אונז און ממשיך צו זיין מיין סאציאליזם. איך וויים פאקטיש נישט פון קיין אינדיווידועל לעבן: אלע מיינע טעג און נעכט גיב איך אוועק נאר פאר דער אינסטיטוציע. ברענט דארט, וועקט מען מיך; גנבעט מען, רייסט מען מיך אוועק פונם מיטאג; שלאגט מען, פאר איך מעלדן אין דער פאליציי און אלץ אליין... מע קאן זיך אויף קיינעם נישט פארלאזן — די העלפערס מיינע שטערן מער, ווי זיי העלפן. און וואס מיינט איר, אז איך קאן נאך אזויפיל יארן פארשווארצט ווערן בייטן חלילה מיינע בעטן? פאר וואסער געלט? פון מיינע פארדינסטן?...

אינצווישן זענען מיר אנגעקומען צום ברית-הויז. זענען מיר ארויסגעגאנגען פונם אויטא מיט דער גראער פארב און

געבנדיק מיר זיינע שפּיץ פינגער האָט ער געזאָגט, ווי צום אויטאָ-לאַמפּ :

— מיר וועלן נאָך רעדן. קלינגט אָן צו מיר אין עטלעכע וואָכן אַרום, מאָרגן פאָר איך אין בית-הבראה. דערנאָך פיל איך זיך געוויינלעך אָפּגעשוואַכט. וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן ? מען שרייבט מיר מסירה-לעך אויף אייך... איר פאַרשפּעטיקט זיך צו דער אַרבעט... איך ווייס, אַז איר פאָרט מיטן אויטאָבוס. אָבער מיט די אייגענע פיס קאָנט איר זיין פּונקטלעכער און נישט זיין אָפּהענגיק פונעם קאַפּריזנעם נהג. איר ווייסט דאָך : גיין איז געזונט; דאָקטוירים הייסן גיין. האָט מיר אַ קניפּ געטון אין מוח און אַ ציפּ געטון אין האַרץ און איך האָב אים געזאָגט :

— איר ווילט זאָגן : לאַכן איז געזונט. דאָקטוירים הייסן לאַכן. און ס'איז באמת דאָ פון וואָס.

אַ גאַנץ פיינער יונג מיט ביינער
1. האָבי

איך בין אַ בעלן אויף עפּעס גוטס. איבערהויפּט, אַז עס קאָסט נישט. גיי איך מיר אַזוי שפּאַצירן אויף אַלענבי און פון צייט צו צייט שטעל איך זיך אָפּ ביי איינעם פון די שויפענצטער. איינס האָט מיך ספּעציעל פאַראינטערעסירט : איבער אַ קאָלעקציע שמייכלנדיקע בילדער פון מענער און פרויען אין עלטער פון 18 ביז 120 יאָר, זענען געהאַנגען צוויי געשמאַקע אויפשריפטן :

„אַנטלויף נישט פון דיין גליק"

„קום אַריין און נעם עס"

אויף עפּעס גוטס בין איך אַ בעלן און וואָס קאָן בעסער זיין פון גליק ?

גיי איך מיר אריין אין דעם געשעפט שטילענקערהייט, אויף אויסגעשפרייטע פערסישע דיוואנען, צווישן טעפ מיט קאקטוסן און פאלמען. פלוצלינג האט זיך באוויזן פאר מיינע אויגן א פיפאק, צוויי מאל אזוי הויך ווי איך און שמייכלען שמייכלט ער, ווי אויף די בילדער אין פענצטער.

זאג איך צו אים:

— איך בין אויך א בעלן אויף גליק און אז ס'שטייט „קום און נעם עס", בין איך דא. רוקט ער מיר אונטער א הויכן פאטעל, אין וועלכן איך בין ארייננגעפאלן, ווי אין א איבערבעט און זיך דערפילט נאך קלענער, ווי איך בין.

דעמאלט האט ער גענומען רעדן צו מיר:

— דא האט איר א מספר צו אונזער פראפעסאר, וואס וועט צוקלויבן פאר אייך א האבי און מיט זיין רעצעפט וועט איר זיך אומקערן צו מיר.

פרווו איך זיך ארויסדרייען מיט די א ווערטער:

— מיין פרוי זאגט אויף מיר, אז איך בין א גאנצער פראפעסאר און דער דאקטאר אירער רופט זי נישט אנדערשט, ווי האלבער פראפעסאר. דארף איך ארייננגיין צו עפעס א פראפעסארל, ווען איך מיט מיין פרוי זענען גאנצע אנדערט־האלבן פראפעסארן?

פארשטייט ער נישט קיין וויץ און דערלאנגט מיר א צעטעלע און בעט מיך איינצוצאלן 15 פונט. אז גליק קאסט געלט, האב איך נישט געוווסט. אבער נאך אלעמען איז בעסער עטלעכע פונט צו געבן און צו זיין גליקלעך, איידער זיי צו פאקרענקען חלילה.

זיצנדיק אין טיפן פאטעל, ארומגערינגעלט מיט די הויכע פאלמען, וואס העכער פון זיי איז געווען דער שמייכלנדיקער, עלעגאנטער מאן, האב איך זיך דערפילט אזוי פיצל און אומגליקלעך, אז איך האב ארויסגעווארפן פון מיין טייסטער

דאס פארלאנגטע געלט, אבי שוין שנעל צו קאנען דערגיין צום גליק.

דער פראפעסאר וווינט ניט ווייט, טאקע אין הויף. עפעס דערמאנט עס מיך אין שוסטער, וואס האט מיך געשיקט צו זיין ארטאפעד אין הויף. יענער שוסטער האט אויך גערעדט פון גליק: צו אייערע פים דארף מען צופאסן ספעציעלע שיך און אז זיי וועלן אייך נישט קוועטשן, וועט איר זיך פילן גליקלעך.

בין איך אריבערגעגאנגען מיט מיין מספר צום פראפעסאר. ס׳ווארטן שוין א סך אויף אים. אלע זוכן גליק. אלע זיצן אומגעדולדיק. ענדליך בין איך אריין צום פראפעסאר. מיר פעלט נאר זיין בריל און זיין בייכל: א נידעריק, רירעוודיק און בארעדעוודיק מענטשעלע. פרעגט ער אסך און וויל אלץ וויסן. ענטפער איך אים: דערויף זענט איר דאך א פראפעסאר און דערפאר נעמט איר דאך געלט, כדי איר זאלט אלץ וויסן.

מאכט ער זיך נישט הערנדיק און גיט מיר א זאג מיט תקיפות:

— איר באדארפט צו אייער גליק האבן א האבי. אייער טעגלעכע ארבעט אלס פקיד מאכט איר אוים רוטין און איר געפונט נישט אין איר קיין פארגעניגען. מוזט איר זיך אויסקלייבן א האבי, וואס וועט אייך מאכן גליקלעך.

שלאג איך אים איבער די רייד:

— וואספארא האבי קלערט איר, הער פראפעסאר, וועט פאסן פאר מיר?

זאגט ער נאך א קורצן יישוב-הדעת:

— אויף צו דראפען זיך אויף די בערג, זענט איר צו שוואך; אויף צו זאמלען פאסט-מארקן אדער בילדער, זענט איר צו ארעם; אויף צו האדעווען געוויסע ראסן פון הינט, זענט איר נישט פעיק מחמת מורא פאר הינט. בלייבט נאר

איין האבי פאר אייך: צו זאמלען קנעפ פון פארשידענע מענטשן. דאס איז א וועלט פאר זיך: מענטשן און קנעפ. גייט אריין אין דעם געשעפט, פון וואנעט איר זענט געקומען, מיט מיין רעצעפט און דארט וועט איר באקומען, אלץ, וואס ס'פעלט אייך צו דעם האבי.

ער האט מיר אויפגעמאכט די טיר און איך האב גענומען גיך שפאנען צוריק צום גליקגעשעפט. אוועקגעזעצט זיך אין טיפן פאטעל, איבערגעגעבן אים דעם רעצעפט, דעמולט האט דער הויכער און געשיקטער מאן ארויסגעצויגן פון שיפאלד אן אלבאם מיט קנעפ און מיך געבעטן צו באצאלן 30 פונט. אין אלבאם, האט ער מיך וויסנשאפטלעך אויפגעקלערט, וועל איך געפונען אלע סעריעס פון קנעפ, דעם בוי, די גרויס און די פארב פון יעדן קנעפל. דאס אלץ מוז מען לערנען און קענען. בנוגע די מענטשן איז אלץ קלאר. למשל: אראפנעמען אלע קנעפלעך פון א הויכער פערזענלעכקייט וועט זיין זייער פיקאנט, איר אליין וועט דערפון הנאה האבן און אלע ארום אייך וועלן זיך פרייען. אדער: א קאלעקציע פון אייער בעל־הבית׳ס קנעפ אין אייער זאמלונג, וועט אים נייטן צו האלטן זיך ביי זיינע הויזן און נישט אייך ביי אייערע. אדער: אלע קנעפלעך פון דער מלכּת־יופי וועט אייך בארימט מאכן פאר א גרויסן דאנזשואן און אלע וועלן קוקן אויף אייך מיט דרך־ארץ. אצינד ווינטש איך אייך הצלחה אויף אייער נייעם וועג צו גליק.

ווען איך בין אהיימגעקומען צו מיין האלבן פראפעסאר, צו מיין ווייב מיין איך, האב איך איר געוויזן דעם אלבאם מיט קנעפ און אויסגעשריגן מיט פרייד: גיב א קוק ווו מיין גליק ליגט!

האט זי זיך צעלאזט:

— קנעפ פעלן דיר? פון אלע, וואס נייען זיך ביי מיר, בלייבן מיר גענוג קנעפ. א האבי פעלט דיר? האסט דאך

דיין אריגינעל האבי, וואס קיינער קאן ניט זיין אזוי גליקלעך, ווי דו מיט אים. און דיין האבי קאסט דיך ניט קיין גראשן. דו קענסט אלע גרויסע לייט, פון אלע צייטן, אלע זייערע ליבעס און אינטריגעס ווייסטו. אלע זאגסטו אריין אין דער זיבעטער ריפ. פון אלע נעמסטו אומזיסט זייער בוך. קומסטו און ברענגסט מיר פונם פראפעסאר קנעפ? איך האב דאך שוין לאנג אויף דיר געשטעלט די דיאגנאזע: וואס דיר פעלט? א קנעפל אין קאפ פעלט דיר.

א גאנץ פיינער יונג מיט ביינער

2. געבליבן אן פליגל

א האבי האב איך שוין. איך זאמל קנעפ. מע קאן נישט זאגן, אז איך בין אצינד נישט גליקלעך. נאר איין זאך טויג נישט: כ'האב אן אימת-מוות פארן טויט. ווען מען רעדט וועגן טויטע, לאך איך, ווי די יאפאנער. ס'איז לייכטער א קנייטש צו טון מיטן פנים און צעשפרייטן ברייט די ליפן, ווי למשל שטעלן זיך אויפן קאפ. מע זאגט, אז אונזער קולטור איז דעגענערירט, איז כדאי עפעס אפצולערנען זיך פונם מזרח. האב איך באשלאסן גובר-צו-זיין דעם פחד אויף פארן טויט, ווי טוט מען דאס? פשוט! מען גייט קוקן דעם טויט גלייך אין די אויגן אריין.

א פיינער מענטש בין איך. יעדער איינער זאגט עס. בין איך געווען קראנק, האבן מענטשן געזאגט: אזא פיינער מענטש און ער איז קראנק. פארוואס קומט עס אים, נעבעך? האב איך אורלאפ, זאגט מען: ס'קומט אים, נעבעך. ער האט עס זיך ערלעך פארדינט. איז עפעס איינער ווילד געווארן ביי מיר אין משרד, האט ער מיך מיט זיינע פויסטן אביסל

צעקלאפּט, האָב איך גענומען שרייען געוואַלט. איז מען זיך צוזאַמענגעלאָפן און איינער האָט געזאָגט צום צווייטן: פאַרוואָס קומט עס אים, נעבעך? ער איז דאָך אַזאַ פיינער מענטש! איך אַליין זאָג עס אויך תמיד: מיר קאָן זיך נישט טרעפן, וואָס ס׳טרעפט זיך מיט אַנדערע, ווייל איך בין אַ פיינער מענטש.

אויב אַזוי, האָב איך באַשלאָסן אַ קוק צו טון, וואָס ס׳טוט זיך אויף יענער וועלט. הײַנט מוז מען שוין נישט שטאַרבן, כדי דאָרט צו זיין. יעדעס יאָר פאַר איך אין בית־הבראה, דאָס מאָל אין בית־החלל. געזאָגט און געטון. איינגעצאָלט אין „אל־על" און געגרייט זיך אין וועג אַריין. מיין פרוי האָט מיר אָפּגעבאַקן אַ געבעקס, וואָס זאָל נישט וועגן און אָפּגעבראָטן טייבעלעך, וואָס זאָלן מיר פליען גלייך אין מויל אַריין.

איך האָב זיך נישט געזעגנט מיט קיינעם נישט, ווי תמיד: ס׳איז אַ סגולה אויף צוריקגעקומען און אַ מיטל אויף צו בלייבן דער פיינער מענטש.

געקומען אויף יענער וועלט, האָט מען מיר צוגעטשעפּעט אַ פּאָר פליגל. אַצינד איז מיר קלאָר, פאַרוואָס די מלאכים געפינען זיך נאָר אין הימל. דאָרט ווירקט אויף זיי נישט די ערד, נישט די פּרנסה, נישט די פּאָליטיק און נישט די ווייבער. דאָרט קאָן מען טאַקע זיין אַן אמתער מלאך. אויף דער ערשטער סטאַציע האָט מען מיך בודק־געווען מיט אַן עלעקטראָנישער מאַשין און ווי אין אַ פּסיכאָ־אַנאַליטישן סעאַנס געשטעלט מיר עטלעכע פראַגן. איר מוזט וויסן, אַז משה רבינו און מאַרקס, פרויד און איינשטיין פילן זיך דאָרט, ווי גאָט אין פראַנקרייך. אַלץ גייט דאָרט לויט זייערע טעאָריעס.

צווישן אַנדערע האָט מען מיך געפרעגט:

— ווי רופט מען אייך?

— פיינער מענטש.

— וואס האט איר דארט געטון?
— פארנומען א פאסטן.
— ווי האט איר זיך דארט געפילט?
— זייער גוט!
— וויאזוי איז דאס מעגלעך?
— מיט אן עלאסטישן געוויסן קאן מען דארט אלץ מאכן. אמאל חנפענען, אמאל צוטראגן א מסירהלע און אסך שווייגן איז די גרעסטע קונץ. תמיד זאג איך אויטאמאטיש: בסדר גברת, אדוני בסדר. זומער און ווינטער מאך איך מיך שוויצן אדער מיט שוויים אדער מיט גליצערין און תמיד שמעקט פון מיר מיט פערפום. איך פלעג חלילה קיינעם גארנישט אפזאגן און ס'איז נישט געווען עפעס צו טייערס, וואס די מדינה און די הסתדרות וועט באצאלן און איך זאל זיי נישט געבן.
— ווער איז געווען אין אייער געזעלשאפט?
— קיינער נישט. געסט זענען אויף א מייל, עסן צופיל, מאכן שמוציק דעם שטיח און פלוצליג ווערט מען אויס פיינער מענטש ביי זיי.
— וואס האט איר געטון אין דער היסטאריע?
— ביי פילסודסקין בין איך געווען א לעגיאנער מיט א מעדאל, ביי די רוסן בין איך געוועזן א קאמוניסט, ביי די דייטשן האב איך געארבעט אין יודענראט און אין ישראל בין איך א פאטריאט.
די מלאכים-קאמיסיע האט אן אפעקטאציעס אויסגעהערט דעם ריינעם אמת און שאקלנדיק מיט באדויערן די קעפ מיר איבערגעגעבן א פסק-דין אין ראשי-תיבות:
„דער דאזיקער פיינער מענטש פון דער ערד-וועלט טאר נישט האבן קיין פליגל. ער טאר זיך נישט דרייען לאנג אין חלל. ער קאן נאך פאריעלצען די וועלט פון מלאכים, ווו ס'הערשט שירה, געדאנק און ליבשאפט. אזוווי ביי אונדז איז

קיין טויט נישט פאראן, שיקן מיר אים צוריק, פונוואנען ער איז געקומען. אוים רחמנות צו אים זענען מיר גרייט אים אויס־צובייטן זיין פארם אויף א צווייט נישט־באפליגלט באשע־פעניש".

דערזען אזא פאראגראף האב איך מיר אקלער געטון: אויף צו ווערן א פערד, מוז מען קענען לויפן און מאכן, אויף צו ווערן אן אייזל, מוז מען קענען שלוקערכצן, אויף צו ווערן אן אקס, מוז מען האבן כוח.

בין איך געפאלן אויף די קני פאר די מלאכים, ווי איך האב עס געזען אויף אסך בילדער, און מיט אויגן פארגלאצטע צו דער זון האב איך זיי געבעטן:

— אויב שוין נישט קיין פליגל, טוט מיר אויסלייען א פאראשוט און לאזט מיך אראפ ווי איך שטיי און גיי צוריק צו מיין ווייב. דארט וועל איך קענען ווייטער זיין דער פיינער מענטש אן מיין און אייער שאדן. אצינד זע איך, אז ס'איז לייכטער צו עקזיסטירן אויף דער ערד־וועלט אן פליגל, ווי אויפן עולם־האמת מיט זיי.

א גאנץ פיינער יונג מיט ביינער

3. ליבע אונטער א שטיין

זי איז פון תמיד מיין האלבע פרנסה. מיט נייען, מיין איך. ווייל פון מיין בלאזן זיך, שטייפן זיך, קוועטשן זיך קוועטש איך קוים אויס די צווייטע העלפט פרנסה.

וואס זאל איך אייך זאגן: זייט איך בין אראפגעפאלן פון הימל, איז מיין שטיקל ערד אינגאנצן אין דרערד געגאנ־גען: אויס פליגל, אויס האבי און הערט און שטוינט: שיר נישט אויס ווייב, מע זאל אפגעהיט ווערן.

ווי איר קענט מיך, בין איך פון נאטור אוים א פיינער מענטש. איך בין געוווינט צו וואשן די טעלער נאך יעדן עמן, ווי א פרומער ייד צו בענטשן און תמיד בעט איך אויף די בעטן, ווייל ווי מע בעט זיך, אזוי שלאפט מען.

און ווי איך האב אזוי ארויסגעצויגן מיט ליבע די קישנס פון דער בלעכערנער מילטער פאלט מיר ארוים פון זיי א פאפירל. האב איך געמיינט, אז סאיז דער מפעל־הפים פון מיין פרוי, וואס דארף געווינען די דרייסיק טויזנטער. ע! קלער איך מיר: דער־פאר איז זי לעצטנס אזוי האפערדיק מיין ווייבעלע, עפעס נישט צו דערקענען.

האב איך ארויפגעשטעלט מיין פוס אויף דעם פאפירל און געשטאנען אזוי, ביז מיינע האט פארלאשן דאס ליכט. א גאנצע נאכט האב איך געהאט א וואך־נאכט. איך דארף אייך זאגן, וואס א מענטש ווי איך, קלערט, ווען ער זעט פאר זיך אזא פויטיקע?

מיינע האט ליב ארייגצושלאפן אין טאג. איך ווידער כאפ זיך אויף גאנץ פרי, טרונק אוים איין איי, פארטרינק מיט אביסל טיי, פאק מיר איין א סענדוויטש מיט קעז און לויף. דאס מאל האב איך אריינגערוקט אויך דאס פאפירל און אנטלאפן מלא גדולה.

ארום צען, בשעת דער הפסקה, מאך איך מיר אויף די צייטונג, צעלייג אויף איר מיין בופעט און ווארט אויף דעם טיי־ייד. צו איך דערוויל ארוים דאס פאפירל און נעם עם בודק זיין. פינצטער איז מיר געווארן אין מאגן! איך לייען נישט, נאר איך שפרינג מיט די אויגן:

מיין ליב מיידעלע!

איך געדענק, וואס איך האב דיר צוגעזאגט .אלץ וועל איך טון, כדי צו זיין עביק מיט דיר. מיינע בריוו לייג איך ארונטער דעם שטיין אויפן וועג, ווי דו האסט עם געוואלט. האלבע טעג און א האלב געזונט פארליר

איך אויף צו קומען מיט מיין בריוו צום שטיין פון ליבע. טו עס, קעצעלע, אויך אזוי. איך כאפ טאקע א שוויץ, אבער אין דיין ליבע באד איך זיך און טובל זיך און קום ארויס א ריינער פאר דיר און פאר מיר, וואס ביידע זענען אייגנטלעך פון גאט געפארט געווארן צו זיין אינאיינעם.

דיינער..."

דער טיי־ייד איז אריינגעקומען און איך האב אים נישט געזען. דער סענדוויטש איז געווארן ווי מיט שימל באוואקסן. פון דער צייטונג האבן ארויסגעטאנצט די גרויסע אותיות און צוזאמענגעשטעלט זיך אויף דער ערשטער זייט מיט א געשריי: „די פרוי פונם פיינעם מענטש" — „ליבע אונטער א שטיין".

דער טיי־ייד איז געקומען נאכן גלאז און געפרעגט מיך, צי איך האלט שוין אויך פון דיעט, ווי די פרויען, ווייל דער טיי שטייט ביי מיר קאלט און מיינע אויגן פארגליווערט.

נאך דער הפסקה. האב איך אלע, וואס זענען צו מיר אריינגעקומען, געלאזט אויסרעדן און נישט געהערט, וואס זיי זאגן. אלע האב איך געענטפערט: „בסדר", אלע זענען געווען צופרידן.

נאר איך איינער נישט. א בריוול ווי מע לייענט עס, א ווייבל, ווו מע געפונט עס. תמיד איז זי נעבעך קראנק, תמיד זיצט זי האלבע טעג אין תור ביים דאקטאר. נישט אנדערשט, אז דער דאקטאר האט געזען, די פילן העלפן שוין נישט, איז ער אריבער אויף בריוולעך.

בין איך אוועק צו אים אהיים. אויף דער טיר זע איך א צעטעלע, „נאכמיטאג־רו, נישט קלינגען!" האב איך א קלונג געטון, ווי אויף אלארם. זענען ביידע ארויס, ער און זי. זי אויפגערעגט, ער דערשראקן. זיי שווייגן און איך קאן נישט רעדן. ענדלעך פרעגט ער הייזעריק: וואס איז געשען?

— דאס בריוועלע איז אייער רעצעפט?

ביידע רייסן זיך איבער דעם בריוול. ער שרייט, אז נישט אנדערשט נאר ס'איז א בלבול. זי פילט, אז זי שטייט פאר א תהום און פאלט.

זי: ס'איז דאך דיין האנטשריפט!

ער: אבער נישט צו זיין ווייב!

זי: צום שטיין שרייבסטו אזוי שיין?

ער: ניין, צום אולפן. איך לערן זיך עברית און דער ווינט האט פארטראגן דעם שיעור...

פארן ווינט האב איך זיך דערשראקן. ער קאן מיר קאליע מאכן א געשעפט. האב איך זיי איבערגעשלאגן: ווינט אהער, ווינט אהין. לאמיר בלייבן פיינע מענטשן. לאמיר נישט מאכן קיין ווינט. גיט מיר א חלק אויף א בית־משותף און איך וועל ארויסצוען זיך ווייט אז דער ווינט זאל נישט קאנען קומען ביז אהין.

האבן זיי געגרייט דעם טיש און ביים טיי אויסגעצאלט מיר א היבש ביסל פונטן. און איך בין אהיים געגאנגען, ווי שיכור, צו מיין ווייב. אין שטוב בין איך אריינגעפאלן מיטן אלטן לידל: „לאמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן, זייזשע נישט קיין נאר...”

און אזוי בין איך געבליבן ווייטער דער פיינער מענטש. און אצינד זע איך טאקע בפירוש, אז א ווייב איז א האלבע פרנסה.

וי שטארק אקטועל סזאל נישט זיין דער קערן פון יעדער הומארעסקע אדער מעשה און יעדע פון זיי רירט אן מיין הארץ און מיין מוח, וועט איר הערן אין זיי אויך א טאן, וואס באגלייט די עביקע גאלעריע פון מענטשן — נישט נאר יידן — אין זייער רייסן זיך צו געזונט, גליק און כבוד — אויף אלע מעגלעכע וועגן און ווערטער און דאס רופט ארויס זייער אפט א שמייכל ביז א הילכיקן געלעכ־טער. אוודאי איז מיר לייכטער געווארן, ווען איך האב זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון הומאר איבער טאגטעגלעכע שוואכקייטן און פארקרומענישן. נאר פונקט ווי די משלים־שרייבער (ד״ר שלמה עטינגער, אליעזר שטיינבארג און אנדערע) האב איך מיט מיין פארם שרייבן רעוואלטירט און געוואלט אויך וואס סלאזט זיך פארענדערן צום גוטן און צום שיינעם.

פארוואס יידיש? פאר מיר איז עס אייגן בלוט. נאר גוט איבערזעצט קאן עס זיין ענלעך צו א גוטער טראנספוזיע, וואס פארבעסערט דעם מצב און הומאר פון יעדן, אין וואספארא שפראך ער זאל נישט לעבן.

איך מיין: אפילו פונם געזונט און גליק קאן מען אויך לאכן. אבי נאר געזונטערהייט!

אברהמעלע דע־רופא

פון דעם מחבר איז דערשינען אין יאר 1937 דאס בוך :

„מיין אוקראינישער אלבאם"

גרייט צום דרוק :

„קאלאמיי א ווייגעשריי
און קאלאמיי האט ריטם" (עסייען)

„אביסל פון די סודות אין דער
היינטיקער מעדיצין" (עסייען)

אויף יידיש און עברית